די געביידע פון קינדערגערטנער (מען האָט געמוזט פריער אָפּקויפן אַ הויז און עס אַראָפּנעמען) האָט באַטראָפן קנאַפּע 200 טויזנט דאָלאַר. כדי אויפצובויען אַ געהעריקע שול־געביידע, איז נויטיק אַרום אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר.

די ערשטע שריט דערצו ווערט שוין געמאַכט. סוף חודש מאי קומט קיין מעלבורן פּראָפ. אַרטור לערמער פון קאַנאַדע, אָנצוהויבן די דאָזיקע, מוזן מיר צוגעבן — געוואַגטע אַקציע.

אויף דער באַראַטונג איז געקומען צום אויסדרוק דער טיפער גלויבן פון די אָנטיילנעמער אין דער מעגלעכקייט די דאָזיקע אויפגאַבע צו דערגרייכן.

לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן בקרוב קאָנען פייערן די דערעפענונג פון אַ נייעם בנין פאַר דער טאָג־שול, מיט דעם זעלבן פאַרנעם — ווי מען האָט געפייערט די דערעפענונג פון בנין פאַר די קינדערגערטנער.

עס איז צו באַגריסן, וואָס ענדלעך האָבן די ייִדיש־טוער און ענטוזיאַסטן אָנגעהויבן טראַכטן מיט אויסטראַלישע באַגריפן אין זייערע פאַרמעסטן.

## לייענער שרייבן...

# וואָס זענען זיי אויסן?

די לעצטע וואָכן אָבסערווירן מיר די פראָפּאַגאַנדע אין דער היגער און נישט היגער יידישער פרעסע, ווי אויך צווישן די פאַרשידענע פאַרבאַנדן פון יידישע אַנטי־נאַצי קעמפער — מעלבורן בתוכם — וועגן דער „גרויסער געשעעניש״:

די פוילישע קאָמוניסטישע רעגירונג גייט אויפשטעלן אַ „יידיש געדענק הויז״ אין אוישוויץ.

צו דער דאָזיקער געלעגנהייט זענען איינגעלאַדן געוואָרן פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס פון יידישע אַנטי־נאַצי־קעמפער, וועלכע זאָלן זיך באַטייליקן מיט דעלעגאַציעס אויף דער דאָזיקער טרויעריקער „פייערונג״.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער „גרויסער געשעעניש״ פון דער „יידן־פריינדלעכער״ פוילישער קאָמוניסטישער רעגירונג — דערמאָנט זיך מיר דער העלד פון דעם פראַנצויזישן דראַמאַטורג מאָליער — טאַרטיף, מיט זיינע צבועקישע גענג, ווען ער וויל איבערצייגן אין אַ מיסטישן טאָן, אַז אַלע זיינע געמיינע „גוטסקייטן״ טוט ער אַדאַנק זיין „מענטשלעכן״ געוויסן...

פרעגט זיך: ווו האַלטן מיר מיט די דאָזיקע פויליש־קאָמוניסטישע טאַרטיף׳ס, וועלכע רופן זיך היינט, אין די מאָדערנע „לינקע צייטן״ — קעמפער פאַר גערעכטיקייט? צו ווייסט נישט די פרייע יידישע פרעסע אין דער וועלט און די פאַרשטייער פון די יידישע קאַצעטלער, געטאָ־קעמפער און פאַרטיזאַנער פאַרבאַנדן בערבע פינות העולם, אַז פון די פוילישע קאָמוניסטן הערט זיך אויף אַ מייל דער ריח פון קאָלאַבאָראַציע מיט די נאַציס אין די יאָרן 1945 — 1939 און דער ריח פון אַנטי־ישראל און אַנטיסעמיטיזם, אין די יאָרן 1978 — 1967?

און עס פרעגט זיך ווייטער:

זענען מיר באמת אַזוי נידעריק געפאַלן, אַז מיר ווילן זיין באַטייליקט אין בענטשן די הענט פון די קאָמוניסטישע דעמאַגאָגן, וועלכע ווילן צוליב זייערע אייגענע פלענער זיך „איבערבעטן״ מיט דעם יידישן פאָלק, דורך אויפשטעלן אַ „יידיש״ געדענק־הויז אין אוישוויץ?

מיר וואָלטן געקאָנט מסכים זיין מיטן אויפשטעלן אַ דענקמאָל נאָך אונדזערע קדושים, וועלכע זענען פאַרשניטן געוואָרן אויף דער פוילישער ערד — ווען מיר זאָלן נישט האָבן דעם באַהאַלטענעם חשד, אַז דער ענין איז ווייט נישט צו גלאַטיק.

ווייל — נאָך אַלעמען — שטעלט זיך אַ פראַגע — אַ פשוטע פראַגע — פאַרוואָס אַזוי שפעט?

י. אַ.

---

דער לייענער שבתי קויפמאַן (באַלווין) האָט 'אַנטדעקט', אַז די מאָסקווער אָוונט־צייטונג: „וויעטשערנאַיאַ מאָסקוואַ״ מאַכט אַ בילבול אויפן תנ״ך און דעם תלמוד — כדי צו באַרעכטיקן דעם אַנטיסעמיטיזם. ס׳קומט אויס, אַז אָן קיין תרוץ קאָן מען קיין אַנטיסעמיטיזם נישט פראַווען. מען מוז — הייסט עס — האָבן אַ „וויסנשאַפטלעכע״ באַגרינדונג.

ש. קויפמאַן איז פאַרביטערט. ער שרייבט:

„אָט איז אַ בלימל פון אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיטיזם, שטרייכערס אַ תלמיד, אָדער אָן אייגענער קיטשקאָ, ס׳פעלן דען אויס ביי די סאָוויעטן אַנטיסעמיטן? זיי דערקלערן, אַז דער תנ״ך און תלמוד זענען פול מיט באַהויפטונגען, לויט וועלכע דער יידישער גאָט האָט זיין „אויסדערווילט פאָלק״ געגעבן די פריווילעגיע צו פאַרוואַנדלען אַלע אַנדערע פעלקער אין שקלאַפן״ — און ער ברענגט די ציטאַטע פון „וויעטשערנאַיאַ מאָסקוואַ״.

„עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט — איז דער מחבר פון דעם אַרטיקל מסביר — אַז דאָס האָט געמוזט אַרויסרופן ווידערווילן און האַס צום יידן, מצד דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג... דאָס פירט אומפאַרמיידלעך צו אַנטיסעמיטיזם וואָס נעמט אָפט אָן דעם כאַראַקטער פון ספּאָנטאַנישע אויסברוכן מצד די געקריוודעטע שיכטן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, און אַזוי אַרום איז דער אַנטיסעמיטיזם אַן אויסדרוק פון פראָטעסט קעגן דער באַרבאַרישער אויסנוצונג מצד דער יידישער בורזשואַזיע. אַזאַ מין רעאַקציע און ווידערשטאַנד דאַרף דעריבער באַטראַכט ווערן גיכער אַלס אויסדרוק פון קלאַסנקאַמף, ווי אַנטיסעמיטיזם״.

און ווייטער פרעגט ש. קויפמאַן:

איז הייסט עס: צוליב ישעיהו הנביא און ירמיהו געבוירן געוואָרן דער ציוניזם, ראַסיזם?

דערביי האָט אונדז דער לייענער אריינגעשיקט דעם ריכטיקן טעקסט פון תנ״ך, וואָס באַווייזט פונקט דאָס פאַרקערטע וואָס די „טעאָלאָגן״ פון „וויעטשערנאַיאַ מאָסקוואַ״ ווילן דערווייזן.

„און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג
און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקער־אייזנס
און זייערע שפּיזן אויף צווייגמעסערס —
אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הייבן אַ שווערד
און וועט ניט מער לערנען מלחמה״...

און מיט רעכט פרעגט ש. קויפמאַן: באַדייטן די שורות — ראַסיזם? פעלקער־פאַרשקלאַפונג?

פאַרשטייען מיר די פאַרביטערונג פון אַ פשוטן יידן. מילא — מען פאַרפאָלגט יידן — דערויף זענט איר דאָך אַנטיסעמיטן. נאָר קומען און דערווייזן, אַז מיר אַליין זענען אין דעם שולדיק — דאָס איז שוין סתם נאַכאַלנע...

קענען מיר בלויז ענטפערן אונדזערע לייענער:

— גיי זוך ביי אַ קאָזאַק יושר...

ווייעןביים שאַפן, אָבער אַנדערע באַפּוצן עס מיט אַזעלכע שיין־קלינגענדיקע ווערטער, אַז מען קאָן נישט דערפילן די ווייען גופא. ביי פּאַפּיערניקאָוו זעט מען ווי דאָס קינד קומט ארויס פון דער מאַמעס איינגעווייד צו דער גרויסער וועלט. דו שטייסט ביים וויגל און הערסט דעם קינדס אויס־געשריי און, ער זאָגט (זייט 75) איז „געבורט פון אַ ליד״:

„...געבורט פון אַ ליד, איז געבורט פון אַ קינד,
וואָס אַ מאַמע באַרירט און טאַפּט אַן אינדערבלינד,
ביי דעם צאַפּל און שטויס אינעם לייב, וואָס עס טוט —
ניין חדשים אזוי אויסגעטראָגן אין בלוט,

אַ ליד איז אַ קינד, איז אַ קינד פון געמיט,
און עס קומט ווי אַ פרוכט; מיט אַ ריס, מיט אַ שניט,
מיט אַ וווּנדיקן פאַל צו די פיס פונעם שטאַם,
אַ דערנערטע מיט זאַפט, און נישט איינמאַל — מיט סם״.

עס איז נישט קיין סוד דעם מחברס אַנגעוויטיקטקייט, אַז יידיש, זיין מוזע, זיין שפּראַך, ווערט איגנאָרירט אין ישראל, דווקא אינעם לאַנד אין וועלכן ער איז אזוי פאַר־ליבט. ער באַדויערט „וואָס אין די שויפענצטער פון די בוכהאַנדלונגען זעט מען ביכער אין אַלע פרעמדע שפּראַכן אחוץ אין דער יידישער״.

פּאַפּיערניקאָוו איז נישט נאָר פאַרליבט אין זיין פאָלק, ער איז פאַרליבט אינעם מענטש בכלל, אָן אונטערשיד, וואָס פאַר אַ פאַרב יענער האָט, אַבי ער איז א מענטש אַן ערלעכער, אַ ריינער. א סך טרערן פאַרגיסט ער אויפן גרויסן אומגליק אונדזערן. פאַראַן ביי אים לידער אַזעלכע לייכטע, שפּילעוודיקע, געמיטלעכע, אפילו שפּאַסיקע. פאַראַן אויך ראָמאַנטישע געהאַלטן אין א זייער אידעלן, פיינעם טאָן. זיינע לידער צו דער פרוי זענען אַזעלכע צאַרטע און פאָרזיכטיקע... ער רעדט א סך וועגן זיך, קוקט אריין אין זיך, פונקט ווי יעדער דיכטער, אָבער נישט יעדן קאָן מען דערהערן... אים קאָן מען, ווייל ער שוועבט אין די הימלען און דאָך גייט ער אויף דער האַרטער פעלזי־קער ערד.

דיכטער טרוימען וועגן אומשטערבלעכקייט, און וועגן רושם וואָס זייערע לידער וועלן מאַכן אויף די קומענדיקע דורות. געהערט, ווייזט אויס פּאַפּיערניקאָוו נישט צו זיי. ער זאָגט עס דייטלעך:

„...כיוויל צו די וואָס זינגען פאַר די קומענדיקע דורות —
נישט געהערן;
כיבין דער זינגער פונעם דור דעם היינטיקן
און כיוויל נאָך היינט פון אים פאַרשטאַנען ווערן.
כיוויל, אַז סיוואָרט,
מיין וואָרט, מיין אויפגעזונגענס,
זאָל אַ תיקון, היינט נאָך, היינט געפינען
ביי די פּראָסט און פשוטע, „די שטערבלעכע״,
וועמיכוויל ביי מיין און זייער לעבן — דינען״.

רחל בעקער

# בילדער־אויסשטעלונג „אימאַזשן״ פון לאַי ליכטמאַן

דער קינסטלער לאַי ליכטמאַן איז אַ געוועזענער לעק־טאָר פון „בילדונג און סאָציאָלאָגיע פון פריער קינדער־אַנטוויקלונג״ אויף דעם לאַטראָב־אוניווערסיטעט, ווו ער האָט אין 1969, זייענדיק 24 יאָר אַלט געוווּנען אַ פּריז פאַר מאָלעריי.

אין 1974 האָט ער איבערגעריסן די לעקטאָר־קאַריערע און זיך געווידמעט אויסשליסלעך מאָלעריי, ווייל ווי ער האָט דערקלערט „האָט ער נישט געוואָלט, אַז ווען ער וועט אַלט ווערן 65 יאָר, זאָל ער ערשט דאַן קומען צום אויס־פיר, אַז זיינע שטרעבונגען זענען געווען צו געפינען אַן אויסדרוק אין וויזועלער קונסט״.

אויף דער אויסשטעלונג געפינען זיך עטלעכע און פערציק איינסן אין אויל, אַקריליק און וואַסערפאַרבן, אַן אמאלגאמאַט פון געראָטענע קאָמפּאָזיציעס אין אַלע דריי מעדיומס.

די בילדער שטעלן מיט זיך פאָר אַ דרייסטן פּרווו פון אַן אַנדערשדיקן צוגאַנג צו קונסט, אין וועלכער עס קומט צום אויסדרוק די פּערזענלעכע איינשטעלונגען פונעם קינסטלער. ער קוקט אויף קונסט ווי אויפן לעבן גופא, ער פאָרשט אויס, און אַנדעקט אידייען באַזירט אויף פּער־זענלעכער דערפאַרונג, אין אַן אולטרא־וויזועלער פאָרם.

די קאָמפּאָזיציע פון ליניע און קאָליר איז ביי לאַי ליכטמאַן אַ נאָוואַטאָרישע, נישט אַלעמאָל אַ פאַרשטענד־לעכע פאַרן דורכשניטלעכן קונסט־קאָנסומענט, אָבער וואָס רעגט אָן צו טראַכטן, אפילו די, פאַר וועמען מאָלעריי איז נישט קיין פרעמדער קעגנשטאַנד.

די איצטיקע שטרעבונג פון קינסטלער צו געפינען זיין אינדיווידועלן וועג אין מאָלעריי, האָט אים אין רעזול־טאַט געבראַכט צו אַ קרייצפונקט אין וועלכן עס גיסן זיך צוזאַמען רעאַליסטישע ווי אויך אַבסטראַקטע עלעמענטן.

מיט אַ יאָר צוריק האָט לאַי ליכטמאַן געהאַט זיין ערשטע איין־מאַן אויסשטעלונג. דאָס יאָר די צווייטע.

לאַי ליכטמאַן איז נאָך יונג, פול מיט שעפערישער ענערגיע און די צייט וועט זאָגן ווי עס וועט זיך געשטאַל־טיקן זיין קינסטלערישער דרך.

עמעל

★

לאַי ליכטמאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1945, אין סיביר. ער איז דער זון פון גוט באַקאַנטן יידישן סטאָלער הערש ליכטמאַן, וועלכער האָט זיך אין יאָר 1948 באַזעצט אין מעלבורן.

רחל בעקער

# יוסף פּאַפּיערניקאָוו — „מיין אַנטאָלאָגיע"

איבערלייענען 198 לידער געהערט נישט צו די לייכטע זאַכן. אוודאי לייענט מען נישט קיין לידער מיט איין מאָל, ווי מען לייענט אַ ראָמאַן. לייענען לידער קאָן מען נאָר עטלעכע אויף איין מאָל. אַוועקלייגן דאָס בוך און צומאָרגנס ווייטער לייענען, ווייל יעדעס ליד איז אַ טעמע פאַר זיך, בפרט ביי פּאַפּיערניקאָוון, וועמענס יעדעס ליד איז אזוי וואָגיק. יעדעס ליד איז אַ צווייג פון דעם בוים וואָס הייסט לעבן. און לעבן איז אַ פלאָנטער, אַ קנויל פון צוזאַמענגעבונדענע פעדעם. פּאַפּיערניקאָוו פלאָנטערט אויף אזוי וווּנדערבאַר די פעדעם, אזוי לייכט, און אזוי מייסטערהאַפט, — וואָלט איך געזאָגט — פשוט, גלייך ער וואָלט צו אייך גערעדט מיט פּראָזע, און טאַקע דערפאַר מוזט דו נאָכן איבערלייענען עטלעכע לידער, איבעררייסן דאָס לייענען און זיך פאַרטראַכטן.

ווען מען לייענט זיינס אַ ליד, זעט איר, דעם דיכטער, איר קוקט אין אים אריין און עס ווערט אייך גוט צו זיין מיט אים. ווען מען לייענט פּאַפּיערניקאָוון גלויבט מען אים. ער איז ערלעך. איר פילט, אַז ער „מאַכט נישט" קיין ליד. ער זשאָנגלירט נישט מיט קיין שיינע ווערטער, אבי עס זאָל זיין אַ ליד. ער זוכט נישט בלויז דעם ריטעם און דערמיט „מאכן" דיכטונג. ביי אים באַקומט זיך דער ריטם דורך דעם, וואָס ער וויל זאָגן. מיר דאַכט, אַז אין דעם בוך האָט ער אַלץ געזאָגט, וואָס אַ מענטש קאָן זאָגן. איך נעם זיך נישט אונטער צו אויסטייטשן פּאַפּיערניקאָוון. אים צו פאַרטייטשן דאַרף מען אליין זיין אַ דיכטער. אויב דיכטונג האָט יאָ געזעצן מיט וועלכע אַ דיכטער דאַרף זיך רעכענען, בין איך מיט זיי נישט באַקאַנט. איך ווייס אָבער, וואָס איך פיל ווען כ'לייען פּאַפּיערניקאָוון און, וואָס כ'פיל ווען כ'לייען אַנדערע דיכטער, ביי וועמען די שפּראַך איז אזוי באַפּוצט און באַפליגלט, אַז עס פאַרלירט זיך דער קערן, און זייער פּאָעזיע קאָן בשום אופן נישט דערגיין צום לייענער. מען זאָל אפילו אָננעמען, אַז פּאָעזיע מוז נישט זיין אָננעמבאַר און פאַרשטענדלעך פאַר יעדן, בלויז נאָר פאַר יחידים — בלייבט נאָך אַלץ די פראַגע: צי איז עס טאַקע פּאָעזיע?

טאָ זאָלן מיר מוחל זיין דיכטער, וואָס שרייבן אזוי, ווען בלויז איינצלנע קאָנען זיי פארשטיין (אָדער זאָגן בלויז: אַז זיי פאַרשטייען...).

אוודאי דאַרף אַ ליד האָבן מוזיק — בעסער געזאָגט, עס דאַרף זיין מוזיק, עס דאַרף אָבער אויך ווייזן דעם לייענער דאָס פלאַסטישע בילד — און דאָס טוט פּאַפּיערניקאָוו. אַז איך האָב אַדורכגעלייענט פונעם ערשטן זייטל ביזן לעצטן זיינע לידער, האָב איך אים אליין דערזען אינגאַנצן. דערזען אים מיינט: זיין אָפּשטאַם, זיין סביבה, דאָס לעבן פון אַמאָליקן פוילן.

אין די ישראלדיקע לידער זעען מיר דעם אָנהייב, דעם בראשית פון ישראל. מען האָט דאָס געפיל, אַז מען איז צוזאַמען מיטן מחבר געקומען קיין ישראל מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק און צוזאַמען איבערגעלעבט די צייט פון די ערשטע חלוצים ביז היינט, ווען זיי געניסן פון „אָנגעפּאַקטע שפּייכלער", ווי עס זאָגט זיך אין זיינס אַ ליד. מיר זעען ווי ער פרייט זיך. ער פאַרגינט זיי דאָס גוטס, זיי האָבן עס כשר פאַרדינט.

אין זיין אריינפיר־וואָרט זאָגט פּאַפּיערניקאָוו, אַז די אַנטאָלאָגיע איז אַן אָפּקלייב פון זיינע פריערדיקע 22 ביכער. דאַרף מען מודה זיין, אז דער אָפּקלייב איז זייער אַ געלונגענער. איר האָט לידער פון דער אַלטער היים, וואָס שאַפן אַ גאַנץ בילד. לידער פון דער פרעמד. ווונדערבאַר איז די סעריע פון נאַטור־לידער. איר הערט ממש דעם גערויש פון די ביימער; איר שווימט אינעם טייך; איר קוויקט זיך מיט דער זון; עס קילט אייך דער ווינט; עס פאַרכאַפּט אייך און רייסט מיט דער סטעפּ. עס רופט אייך דער מדבר; עס בריט אייך דאָס זאַמד. עס ווערט אייך שווער, אָבער ליב דאָס לעבן, ווי עס איז אים, דעם מחבר אין די צענטליקער יאָרן פון זיין אינעם היימלאַנד, אין וועלכן ער איז אַזוי פאַרליבט. עס איז אים שווער און ער איז פאַרליבט, און קאָן אָן ליבע נישט לעבן. ער זאָגט אין אַ ליד:

...וועל איך אויפהערן צו ליבן, וועל איך וויסן, אַז כיבין אַלט,
אַז איך האָב שוין אָפּגעזונגען; אַז דער פאָרהאַנג פאַלט שוין, פאַלט;
אַז עס לעשן זיך די ליכטער, וועלכע האָבן מיך פאַרבלענדט;
אַז כיהאָב אייביק אַ פאַרליבטער — סילעבן מיינס אַזוי פאַרשווענדט.
וועל איך אויפהערן צו ליבן, וועל איך וויסן, אַז סיאיז אויס!
אַז סיאיז האַרבסט שוין, יענער האַרבסט וואָס קאָן שוין נישט פון האַרץ ארויס;
וועל איך וויסן, אַז די שיינקייט ליגט אין טרויעריקן פינאַל
פון מיין שוואַנענליד — ווען קלאַנגען פאַלן ווי אַ בלעטערפאַל...

עס בעט זיך ממש ציטירן זיין יעדעס ליד. אָט באַגעגענען מיר זיך מיט א ליד וואָס הייסט „געבורט פון אַ ליד". ווי טרעפלעך און עכט ער רעדט וועגן געבורט פונעם ליד! כ'האָב ביי א סך דיכטער געלייענט וועגן די

אין שבת נאָך מיטאָג איז ער געקומען צו לויפן צו אַבראַמאָוויטשן אַהיים. פרייטיק ביי נאַכט איז געווען אַ קעסטל־אָוונט ביי דער „צוקונפט”, און סאָניע איז גע־גאַנגען. נישט זייענדיק קיין פאַרטיימענטש, איז חיים גע־זעסן ביי זיך אין דער היים אין צימער, און ווערנדיק עלנט, האָט ער „פאַרבראַכט” מיטן פלעשל. איצט האָט ער זי געדאַרפט זען, געדאַרפט רעדן מיט איר. אַבראַמאָ־וויטש און זיין ווייב האָבן שוין געהאַלטן ביים ארויסגיין פון שטוב. פרוי אַבראַמאָוויטש האָט שוין געטראָגן איר הוט.

„איך מוז רעדן מיט סאָניען”.

„באַרואיקט זיך, חבר גאָלדפאַרב”, האָט אַבראַמאָוויטש שטיל געזאָגט, אויף זיין שטייגער, באַמערקנדיק גאָלד־פאַרבס אויפרעגונג. „זי איז איצט נישטאָ. זי איז שוין אין זאַל פון דער גימנאַזיע — איר ווייסט דאָך, אַז וויקטאָר אַלטער וועט היינט רעדן ביי אונדז?” דער לעצטער זאַץ איז ביי אים אַרויס ווי אַ פראַגע.

חיים איז געוואָרן נאָך מער אויפגערעגט. „וואָס אַלטער, ווער אַלטער?”

„וויקטאָר אַלטער, דער בונדישער פירער”, האָט אַב־ראַמאָוויטש געענטפערט, וואַרפנדיק א שאַרפן בליק אויף זיין יינגערן קאָלעגע. „אפשר גייט איר איצט אהיים, לייגט זיך שלאָפן, רוט זיך אָפּ אַ ביסל”.

„נו, גוט”, האָט גאָלדפאַרב מסכים געווען און איז אַוועק. אָבער עפּעס איז ער אריין אין אַ שענק אין מיטן וועג. שפּעטער, ביי נאַכט, איז ער צוריק צו אַבראַמאָוויטשן, שיכור ווי לוט, און האָט געהאַלטן אין איין קלאַפּן אין דער טיר. „סאָניע, סאָניע! איך דאַרף דיך האָבן! סאָניע, סאָניע!” פון יענער נאַכט האָט ער שפּעטער נאָר געדענקט אַ פאַרמאַכטע טיר און סאָניעס געוויין פון יענער זייט טיר.

★

עס האָבן זיך געלאָזט טרערן פון גאָלדפאַרבס אויגן. צוויי סאָניעס אין זיין לעבן. צוויי סאָניעס. ער האָט נאָך געדענקט ווי סאָניע האָט אים געבעטן, נאָך איידער זיי האָבן געוווינט אין איינעם, ער זאָל רעדאַגירן טשערנאָבלס לעצט בוך. „דו וואָלסט אים באַדאַרפט קענען פאַרשטיין בעסער פאַר וועמען ניט איז אויף דער וועלט”. האָט זי אים געהאַט געזאָגט. זי האָט אים נאָך שטאַרק ליב געהאַט, טשערנאָבלען הייסט עס. פון אַ גרין מיידל פון ניינצן יאָר איז דאָס צו פארשטיין, זי זאָל זיך פאַרליבן אינעם שאַר־מאַנטן טשערנאָבלען. אָבער נאָך די אַלע יאָרן? זי וואָלט שוין געדאַרפט „קומען צו זיך”. אמת, אַ באַוווּסטער, גרוי־סער שרייבער, נאָר קיין שיינער מענטש איז ער פאָרט ניט געווען. און חיים איז געווען זיכער, אַז ער האָט נאָר גע־הערט אַ העלפט פון די מעשיות. נאָר וואַרט — אפשר איז סאָניע פאַרליבט אינעם שרייבער, נישט אינעם מאַן? און אפשר, ווער ווייסט...? יענע סאָניע איז אַמאָל געווען פאַרליבט אין א קורצן, דאַרן שיכור מיט רויטע האָר.

גאָלדפאַרב האָט אָנגעהויבן דעם פּראָיעקט, רעדאַגירן טשערנאָבלס בוך, און סאָניע האָט גלייך אָנגעהויבן אַכטונג געבן אויף אים אַזוי ווי זי פלעגט אַכטונג אויף טשער־נאָבלען. ווען ער איז געווען דערשלאָגן איז זי געזעסן מיט אים; אים געלאָזט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, כדי ער זאָל זיך נישט נעמען צום פלעשל. ווען ער פלעגט זיך אָנשי־כורן, פלעגט זי אים פרוּוון אויסניכטערן. ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוווינט צו איר בייזיין. ער האָט אַפילו אויפ־געהערט טרינקען אַזוי פיל, אָבער אַז זי איז אַוועק אויף אַ פּאָר טעג האָט ער געטרונקען ווי אַ פיש ביז זי איז צוריקגעקומען. דערנאָך פלעגט ער ווערן אַ „בעל־תשובה” — כאָטש אויף אַ פּאָר טעג. אַזוי, אַז איין מאָל, ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט ער וויינענדיק געבעטן ביי איר אויף די קני זי זאָל שוין אים מער נישט פאַר־לאָזן... איז זי געבליבן.

★

חיים האָט איין לעצטן בליק געטאָן דורכן פענצטער. ניו־יאָרק איז נאָך געשלאָפן. ער איז צוגעגאַנגען צום בעט. ער'ט זיך שוין לייגן, האָט ער געטראַכט. נאָך איין לחיים, וועט ער זיך לייגן שלאָפן. לחיים. צו אים. — אַ גוט ווערטל! ער מוז דאָס פאַרשרייבן, ער זאָל עס נישט פאַר־געסן די חכמה. ער האָט אַ לאַנגן טרונק געטאָן. נישטאָ קיין בלייער, קיין פּאַפּיר אויף צו פאַראייביקן די ווערטער. נו מילא. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט לעבן סאָניען.

דאָס ליכט האָט ער פאַרלאָשן, אָבער אַפילו אין דער פינצטערניש האָט ער געזען ווי אַ קיילעכדיקער טרער לאָזט זיך אַראָפּ פון סאָניעס פאַרמאַכטן אויג.

(„יוגנטרוף”)


BURLON HOSIERY
PTY. LTD.

MANUFACTURERS OF MEN'S, LADIES' AND CHILDREN'S SOCKS

408 LYGON STREET, EAST BRUNSWICK, VIC, 3057

TELEPHONE: 387 4433

ער זאָל האָבן פּרנסה — דאָך האָט ער זיך נאָך אַלץ געפילט ווי אַ פרעמדער אין לאַנד. די ניו־יאָרקער אַטמאָספערע איז נישט געווען די פון וואַרשע. זיין עלנטקייט האָט פאַרגרעסערט זיין אָפּהענגיקייט אינעם פלעשל, און דערפאַר וואָס ער האָט נישט געהאַט מיט וועמען צו טרינקען, האָט ער בדרך־כלל געטרונקען איינער אַליין ביי זיך אין האָטעל־צימער. ווי אַזוי האָט ער לייזויקן געקענט פאַרלייגן, למשל, זיי זאָלן זיך בידע גוט אָנשיכורן? לעכערלעך, פשוט לעכערלעך.

ביי איינעם פון די ליטעראַרישע אָוונטן וואָס מען האָט איינגעאָרדנט פאַר אים, האָט ער זיך באַקענט מיט שלום טשערנאָבלס אַלמנה. טשערנאָבל האָט געהאַט אַ גרויסן טאָפּלטן שם — מען האָט אים אָנערקענט פאַר אַן אויסגעצייכנטן שרייבער פון קאָמישע, אָפּט מאָל צינישע לידער און דערציילונגען, ווי אויך פאַר אַ גרויסן פאַרטוד־יעגער. מען פלעגט פאַרגלייכן גאָלדפאַרבן צו אים, און גאָלדפאַרב האָט זייער געוואָלט זיך באַקענען מיטן עלטערן 'חבר שלום'. טשערנאָבל איז אָבער געשטאָרבן אַ זעקס חדשים איידער חיים איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, און ער האָט זיך גענדאַרפט צופרידנשטעלן מיטן באַקענען זיך מיט דער אַלמנה.

וואָס ער האָט אייגנטלעך דערוואַרט פון טשערנאָבלס ווייב, סאָניע, איז ער ניט געווען זיכער, נאָר זי האָט אים זיכער איבערראַשט. ער האָט זיך געריכט זי זאָל זיין אָדער אַן אַלטע פאַרביטערטע שלאַק, אָדער אַ יונג, גרין צניעותדיק מיידל, אָדער גאָר אַ באָהעם — ווי טשערנאָבל אַליין. דער מאַן אירער האָט שוין געהאַט אַ שם וואָס שייך פרויען ווען זי האָט מיט אים חתונה געהאַט, און דער שם איז זינט דעמאָלט געוואַקסן — נישט פאַרקערט. נאָר זי איז געבליבן מיט אים. זי איז שוין געווען אין די פערציקער ווען גאָלדפאַרב האָט זיך מיט איר באַקענט, און כאָטש זי האָט גאַנצע צוואַנציק יאָר פאַרדינט אויף ברויט מיט פוטער און דירה־געלט פאַר זיך און פאַרן מאַן אירן, האָט איר פּנים נאָך אויסגעזען יונג. זי האָט פאַרמאָגט אַ שטילן חן, אַ צאַרטקייט וואָס האָט אַפּעלירט צו גאָלדפאַרבס אַרטיסטישן חוש. אירע לאַנגע בלאָנדע האָר האָט זיך פאַרדרייט אין אַ גרעק, און אירע גרויסע, טרויעריקע, ברוינע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט אויף אים און האָבן אים דערמאָנט איז אַ צווייטער סאָניע וואָס ער האָט געקענט מיט לאַנגע יאָרן צוריק.

✶

ווען גאָלדפאַרב איז ערשט אָנגעקומען קיין וואַרשע, אין מאַי 1920, האָט ער זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן שרייבער מיכל אַבראַמאָוויטש. זיין מאַמע האָט אים געהאַט אַרויסגעוואָרפן פון שטוב. אַ פּשוטע שטעטלדיקע פרוי, האָט זי אים געזאָגט, אַז זי איז אים מוחל דאָס וואָס ער וועט אַמאָל ווערן אַ גרויסער שרייבער. זי קען זיין טרינקען נישט פאַרטראָגן; עס פּאַסט נישט פאַר אַ ידישן בחור זיך אָנצושיכורן. זי קען נישט אויפהייבן דעם קאָפּ פאַר די שכנים. ווען דער טאַטע וואָלט געקענט זען וואָס עס איז פון אים געוואָרן, וואָלט ער ווידער געשטאָרבן פאַר בושה, און אַזוי ווייטער. איז חיים געפאָרן קיין וואַרשע, ער זאָל ווערן אָנערקענט ווי אַ גיגאַנט פון דער ידישער ליטעראַטור.

אַבראַמאָוויטש איז געווען זייער אַן אָנגעזעענער כלל־טוער, איינער פון די גרינדערס פון די „צישאָ“־שולן. זייענדיק אַ פאַרנומענער מענטש, האָט ער דעם יונגן שרייבער, וועמעס שאַפונגען האָבן אויף אים געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, אַריינגעגעבן אין די הענט פון זיין פלימעניצע, סאָניע, אַריין. סאָניע, אַ יתומה מיט פאַרטראַכטע אויגן, איז ערשט געהאַט געקומען פון דער פּראָווינץ מיט אַ יאָר פריער, און האָט געוווינט ביים פעטער אין שטוב.

אַ מויד פון צוואַנציק יאָר, איז סאָניע נאָך געווען אָנגעשטעקט מיט גרויס ענטוזיאַזם פאַר דער שטאָט און פאַרן שטאָטישן לעבן. זי האָט חיימען געשלעפּט פון איין עק שטאָט ביזן צווייטן, ער זאָל זען אַלץ וואָס מען קען נאָר זען. צוזאַמען האָבן זיי געזען פּיעסעס און פילמען, קינדערשולן און אַרבעטער־שולן, און זענען געגאַנגען אויף קולטור־אָוונטן. אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט צעשטערן דעם גוטן איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט אויף איר, האָט ער געטרונקען אַ סך ווייניקער און מערער געאַרבעט. ער האָט זיך באַקענט מיט דער יוגנטלעכער עליטע פון 'ירושלים דפּוילן', מיט וועמען ער האָט דיסקוטירט פּאָליטיק און ליטעראַטור. דאָס פלעשל איז געבליבן ביי חיימען אין דער קעשענע, נישט אין דער האַנט — כאָטש זיינע פינגער זענען געווען באַפלעקט מיט ניקאָטין פון די פּאַפּיראָסן וואָס ער האָט כסדר גערייכערט. מען האָט אָנגעהויבן לייענען זיינע ווערק אין די שולן, און די יוגנט האָט שוין געזונגען זיינע לידער אויף פאַרזאַמלונגען און אויף די גאַסן. מיט איין וואָרט — מען האָט געהאַלטן פון אים. ער איז שוין נישט געווען דער קורצער, דאַרער שיכור מיט די רויטע האָר — ער איז געווען דער באַליבטער שרייבער חיים גאָלדפאַרב.

ער האָט זיך געהיט נישט צו זיין בגילופנדיק ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט סאָניען. פון צייט צו צייט האָט ער אפילו פאַרגעסן אַריינצולייגן דאָס פלעשל אין דער קעשענע, טאָמער אין אַ נויטפאַל... איין מאָל האָט ער טאַקע געפילט אַ באַדערפעניש צו „מאַכן אַ לחיים“, אָבער ס'איז נישט געווען מיט וואָס. ער האָט קיין איין מינוט אויפן אָרט נישט געקענט שטיין... שפּעטער האָט ער סאָניען געפרעגט:

— געפעל איך דיר ניט בעסער ווען איך באַרואיק זיך, נאָכן לחיים?

זי האָט אויף אים געקוקט מיט די גרויסע פאַרטראַכטע אויגן און האָט געשוויגן. זי האָט ניט פאַרשטאַנען. האָט ער אַ זיפץ געטאָן, און האָט געדאַנקט דעם גאָט — אין וועמען ער האָט ניט געגלייבט — וואָס זי האָט אים קיין מאָל ניט געזען באמת שיכור.

חיים האָט זיך נאָך שטאַרקער באַמיט זיך אָפּצוגעוווינען פונעם טרינקען. ער האָט אָבער נישט געקענט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַוועקוואַרפן דאָס פלעשל. אָנשטאָט רייכערן איין פּעקל פּאַפּיראָסן אַ טאָג, האָט ער אָנגעהויבן רייכערן צוויי.

אַז מען איז חושד דעם ליפּנישקער עילוי, אַז ער האָט מאַנס געווען אַ צעדולטע פּרוי, און ס'איז צו שטוינען ווי אַזוי דער מחבר — אַן שום מאַראַלישע כוונות וואָס פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער „לאָגיק" פון דעם עפּיזאָד, און אָן שום פּוסטער אידעאַליזאַציע—ליזט אויף דעם בילבול. דערביי פּטר ער נישט אַוועק די פּאַסציניִרטקייט פון די געשעענישן, און ס'איז נישטאָ קייל חלל אין דער שטראָם פון געשעענישן.

פאַראַן נאָך אַזעלכע פּאַסירונגען, וואָס קייטלען זיך איינע מיט דער אַנדערער. נאָכן בילבול, באַשליסט צמח אַטלאַס, מיט עטלעכע קנאים, אָפּצורעכענען זיך מיט די „וועלט־לעכע", מיט דעם וואָס זיי וועלן פאַרברענען די ביכער פון דער ביבליאָטעק. סראַלייזער גנבעט די ביכער אַרויס, אָבער ס'איז נישטאָ קיין שרפה. און ס'איז דער מחזה־אַברהם וואָס באַשטייט אויף דעם מען זאָל די ביכער אויפזוכן און משווה זיין (פּאַרגיטיקן) פאַר דער אבידה.

די „צווייִ בערג", צמח אַטלאַס און דער מחזה־אַברהם, באַהערשן די בינע. עס זענען אָבער פאַראַן צענדליקער געשטאַלטן, איבער זיבעציק: אַזעלכע וואָס זענען אונטער דער שליטה פון שנאה און פאַראַכטונג צו מענטשן און אַזעלכע וואָס עס ציט זיי צו גוטע מידות און מיטלייד צו מענטשן; אַזעלכע וואָס וואַקלען זיך צווישן אמונה און יאוש, וואָס ווילן דערשטיקן אין זיך אימפּולסן און באַ־גערן, וואָס בלאָנדזשען אָן אַ לאַמטערן אין דער האַנט; אַזעלכע וואָס האָבן, ווי דער מחזה־אַברהם, טועה געווען פון שלימות און שלווה, מחמת אַנשטאָט „אַרויסרייסן די וועלט פון זיך", האָבן זיי זי געהייליקט מיט דער זויבער־קייט פון זייערע מעשים און מחשבות.

הענעך מאַלאַריטער און אשר־לעמל זענען אַזעלכע ליכטיקע און געבענטשטע געשטאַלטן, און זיי זענען נישט קיין אויסגעקלערטע, און ס'איז דאָ אין זיי דער רוח־החיים. הענעך האָט אויף דעם נישט געדאַרפט די בייטש פון מוסר; ס'איז געווען דער סוד און יסוד פון זיין געמיט. הענעכן איז נישט געווען באַשערט אַריכת־ימים, און דער קאַפּיטל וואָס באַשרייבט זיין לוויה איז אַן איכה, אַ ליד אין פּראָזע, אַ קאַפּיטל תהילים.

„די ישיבה" איז אַ ווערק וואָס מען דאַרף לייענען און מען דאַרף עס לערנען. יאָ, ס'איז אַ בילד פון ידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע, ס'איז דאָ אין דעם דער ניגון פון דער תקופה אשכנז. ס'איז אָבער מזרח־אייראָפּע אין דער פּערספּעקטיוו פון איבערצייטלעכע ידישע ווערטן; ס'איז די תקופת־אשכנז אויף דער וואָגשאָל פון ידישער אייביקייט. חיים גראַדע האָט אונדז געשאָנקען אַ טייערע מתנה, און באַזונדערס אונדזערע זין און טעכטער אין אַמעריקע, וואָס אָן דער ירושה פון תקופה אשכנז, ווי אַ דימענסיע פון זייער קעגנוואַרטיקער וואַר, וועלן פעלן טענער אין זייער ניגון, וועט זיין ערגעץ־ווו אַ ליידיקייט אין זייערע נשמות. הלוואי וואָלן זיי געווען בכוח צו לייע־נען „די ישיבה" אין דעם לשון פון דער תקופה־אַשכנז; דערווייל זאָל עס לפּחות זיין אין אַט־דער גוטער ענגלישער איבערזעצונג.

ד״ר ע. נאָקס

שרה געצאָף (ניו־יאָרק)

# די אַלמנה פון די נעכטיקע טעג

ער איז געשטאַנען לעבן דעם אָפענעם פענצטער פונעם שלאָפצימער, מיט אַ פּלעשל אין דער האַנט. קוקנדיק דורכן פענצטער, האָט ער גאָרנישט ניט געזען. די גאַס אונטען האָט זיך שוין לאַנג געהאַט איינגעשטילט — גאַנץ ניו־יאָרק איז געשלאָפן. נאָר ער האָט נאָך געבלאַנ־קעט איבערן פינצטערן צימער, האָט ניט געקענט שלאָפן. וואַרפנדיק אַ בליק אויף דער פרוי וואָס איז געשלאָפן אינעם בעט, האָט ער געזען אַז אפילו זי שלאָפט. דער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן דורכן ווייסן פאַרהאַנג, און ער האָט ווייטער געשלונגען פונעם פלעשל בראָנפן.

ער — חיים גאָלדפאַרב! דער באַרימטער חיים גאָלד־פאַרב! דער גרויסער ידישער שרייבער; באַליבט פאַר זיינע קאָמישע לידער ביי זיין לייענערשאַפט בכלל, און ביי דער יוגנט בפרט — וואָס טוט ער דען דריי פאַר טאָג בעת אפילו סאָניע שלאָפט? טרינקט, שיכורט זיך אָן. אפשר וועט ער זיך נאָך לייגן שלאָפן, אָבער שפּעטער, שפּעטער. אַ לעמפּל האָט אין צימער געברענט, וואַרפנ־דיק שוואַכע ליכטשטראַלן איבער די קופּקעלעך קלידער און פאַפּירן וואָס זענען געלעגן צעשפּרייט איבער דער פאָדלאָגע. סאָניע האָט געפּרוווט פירן אַ באַלעבאַטישע דירה, נאָר ס'האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. ער, חיים, איז געווען צו פיל דער 'באַהעם' צו דערלאָזן אָרדענונג ביי זיך אין שטוב. דורכן שוואַכן ליכט האָט ער געזען אויף סאָניעס פּנים סימנים פון די צען יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן. ער האָט אַ ציטער געטאָן, און האָט געהערט ווי זי האָט אַ זיפץ געטאָן און האָט זיך איבערגעדרייט. יאָ, זי שלאָפט נאָך. זיך צוקוקנדיק נענטער, האָט ער צום ערשטן מאָל באַמערקט, אַז עס געפינען זיך ווייסע הערע־לעך צווישן די בלאָנדע האָר אירע, וואָס זענען געווען ווי זונשטראַלן צעשפּרייט איבערן קישן.

גאָלדפאַרב האָט זיך באַקענט מיט סאָניען נאָך דער מלחמה. ער האָט פאַרלאָזט פּוילן זומער 1939, גלייך פאַרן בליצקריג און האָט אָפּגעוואַרט אַ יאָר־צוויי אין לאָנדאָן, האָפנדיק, אַז דער קאָשמאַר וועט זיך באַלד ענדיקן. ער האָט זיך אָבער אונטערגעגעבן, און איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, ווו ער האָט זיך באַזעצט. כאָטש גאָלדפאַרב איז געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישן ניו־יאָרקער ידן, און כאָטש ער האָט געהאַלטן אָפטע רעדעס ביי כלערליי גע־לעגנהייטן — די היגע ידישע שרייבערס האָט אים גאַנץ פריינדלעך אויפגענומען און האָבן אָרגאַניזירט די אונטנ,

די טענה, אַז ס'איז אַ וועלט וואָס איז מער ניטאָ, אַ פאַרשווּנדענע, און אַז ס'איז דעריבער נישט כדאי מיט איר זיך צו עסקן, איז אַן אומזין און אַן עבירה. איז דען די וועלט פון טאָלסטאָיס „אַנאַ קאַרענינאַ", מיט אירע פּריצים און אָפיצירן, אָדער פון דאָסטאָיעווסקיס „די ברידער קאַראַמאַזאָוו", מיט איר רציחה און זנות און שיכרות, פאַראַן איצט אַזוי ווי זי איז דעמאָלט געווען? און דאָך ווערן זיי באַטראַכט — מיט רעכט — ווי מעכטיקע ווערק, און ס'איז נישטאָ קיין וויכוח וועגן זייער אוניווערסאַלקייט. להיפוך, צוליב דער אוממיטלבאַרער קאָנקרעטקייט, צוליב דער ממשותדיקייט פון דער אַטמאָספער, צוליב די פּרטים און דעטאַלן וואָס גיסן זיך צענויף אין אַ גאַנצקייט, איז די פּסיכאָלאָגישע דורכלויכטונג פון די מענטשן רירנדיקער און ווירקנדיקער, און זי לאָזט אונדז נישט אָפּ, און עס פאַרבלייבט אין אונדזער זכרון אויף תמיד, ווי אַ נסיעה אין אַ ווילדער זאַווערוכע אידער מען דערגרייכט אַ זיכערן מקום, ווי אַ וואַנדערן אין אַ תהומיק־פינצטערער נאַכט אידער עס ווערט העל און ליכטיק.

✶

ווי אין דעם פריערדיקן באַנד, שפּירט זיך אויך אין דעם צווייטן אומעטום די אָנוועזנקייט פון די גיגאַנטישע געשטאַלטן, צמח אַטלאַס און דער מחזה־אברהם. דער קאָנטראַסט צווישן זיי איז שוין געווען — אין די דינסטע ניואַנסן, אין די פיינסטע פאַרבן, — אין דעם ערשטן באַנד. און עס האָט זיך געדוכט, אַז די פּאָרטרעטן זענען געווען פולע, אַז דאָס זענען „צוויי בערג", און אַז אין טאָל צווישן די בערג איז דאָ דאָס פאָלק, די מענער און פרויען מיט זייערע טאָג־טעגלעכע דאגות און פאַרגעניגנס, מיט זייערע האַוועניישן און השגות.

עס וואָלט גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף עפּעס מוסיף זיין צו די פּאָרטרעטן, אַז עס זענען נאָך פאַראַן קנייטשן אין דער נשמה, אַ צעבראָכנקייט אין געמיט פון צמח אַטלאַס און אַ שלווה, אַן אויסגעדאַווּנטע און אַן אויסגעלייטערטע, אין גנאָד און אהבה, ביים מחזה־אברהם, וואָס איז נאָך געווען פאַרהוילן פאַר אונדז. אַזעלכע פולע געשטאַלטן זענען נישט לרוב אַפילו אין די גרעסטע ווערק. צמח אַטלאַס און מחזה־אברהם וועלן זיך דערווערבן אַן אויבנאָן אין דעם היכל (טעמפּל) פון אונדזער ליטעראַטור, און איך בין בטוח, אויך אין דער אַלגעמיינער ליטעראַטור — אויב נישט תיכף, איז שפּעטער — ווי דאָסטאָיעווסקיס דמיטרי און אַליאָשע (אין „די ברידער קאַראַמאַזאָוו").

אויב אין דעם ערשטן באַנד איז נאָך געווען בסדר צו פרעגן: ווער איז קינסטלעריש און עטיש די ציכטיקע און אין תוך די קאָמפּליצירטע געשטאַלט, מצח אַטלאַס אָדער דער מחזה־אברהם? — איז דאָ שוין נישטאָ קיין צווייפל וועגן דעם. און ס'איז אַזוי, הגם דער מחזה־אברהם איז אַ מאַן פון „פּשטות", אַן איש תמים, ווי צום ביישפּיל, אין זיין באַציאונג צו זיין פרוי פאַר און נאָך דער חתונה לגבי צמח אַטלאַס'עס באַציאונג צו דבורהלע נאָמיאָט, די כלה ווען ער האָט צוריקגעשיקט די תנאים און אַזוי ווייטאָגדיק פאַרשעמט, און צו סלאַוען ווען ער האָט פאַרלאָזן אויף יאָרן, מחמת ער האָט געוואָלט „די וועלט אַרויסרייסן פון זיך".

ס'איז שווערער צו שילדערן דאָס „פּשטות" פון דעם יושב־אוהל, פון דעם מחזה־אברהם, מחמת רואיקייט פון געמיט און שלווה איז עס אַ גלייכע ליניע, איז אויסערלעך נישט דראַמאַטיש, און אוודאי נישט מעלאָדראַמאַטיש, ווי ס'איז די קרומע, זיגזאַגישע ליניע. אָבער אויב דער דרך־הישר, דער גלייכער וועג, איז אויך דער דרך־היושר, דער וועג פון גערעכטיקייט, דעמאָלט איז געבענטשט דער וואָס געפינט אים אין דעם לאַבירינט פון אונדזער עקזיסטענץ. און ווי אַזוי און וווּ געפינט מען אים? וויפיל שטיינער מוז מען אָפּראַמען, וויפיל דערנער מוז מען באַזייטיקן, וויפיל מכשולים (שטרויכלונגען) מוז מען אויסמיידן, אידער מען געפינט אים? דאָסטאָיעווסקי האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך ניט געספּראַוועט מיט אַליאָשען, אַז ער האָט נישט אָנגעטאַפּט די אינטימסטע און באַהאַלטנסטע סטרונעס פון זיין נשמה, אַז די געשטאַלט זיינע איז צו בלאַס און די מעלאָדיע זיינע צו ווייך, און ער האָט געוואָלט אָנשרייבן וועגן אים אַ ווערק פון גרויסן פאַרנעם, און ס'איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן (ער איז געשטאָרבן נישט לאַנג נאָכן דערשיינען פון די „ברידער קאַראַמאַזאָוו").

ווי ווייט זיי זאָלן נישט זיין איינער פון דעם אַנדערן, איז פאָרט דער מחזה־אברהם משפּיע אויף צמח אַטלאַסן און, אָן סענטימענטאַלקייט, ברענגט ער אים דאָך אַ געוויסע מאָס היילונג, און אָן דירעקטע און דידאַקטישע עצות, העלפט ער אים „אָרקעסטרירן" זיין לעבן, עס זאָל זיך אין אים מערקן אַ התחלה פון טאָלק און תכלית, און סיי צמח אַטלאַס און סיי חייקל ווילנער (חיים גראַדע, דער תלמיד פון דעם מחזה־אברהם) זענען עס משיג. אָט איז דער לעצטער זאַץ פון צווייטן באַנד, דער לעצטער זוניקער שטראַל פון דעם מייסטערווערק „די ישיבה". עלעגישקייט און האָפענונג מיניען זיך אין דעם זאַץ: „ר' צמח אַטלאַס און חייקל ווילנער האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס וואַרטן נאָך אויף זיי אַ סך נסיונות. אָבער בידע האָבן פאָראויסגעפילט, אַז אין אַלע זייערע נסיונות און ראַנגלענישן וועט אויף זיי פאַלן דער אָפּשיין פון דעם איש האלוקים — ר' אברהם־שעיה קאָסאָווער, דער מחזה־אברהם".

פאַראַן אין דעם סיפּור המעשה פּאַסירונגען וואָס זענען דראַמאַטיש, און עס וואָלט זיך נישט געפאָדערט קיין סך זיי זאָלן ווערן מעלאָדראַמאַטיש. די מחיצה צווישן דעם וואָס איז דראַמאַטיש און מעלאָדראַמאַטיש איז אַ קנאַפּע, און דער קלענסטער ווינט קאָן עס צעטרייסלען. עס פאָדערט זיך ביי אַ מחבר סיי עטישע און סיי קינסטלערישע ערלעכקייט גובר צו זיין אָט־דעם יצר־הרע: אַן עטישע, וואָרים די ווערטן פון לעבן זענען אויך חל אויף דער ליטעראַטור; אַ קינסטלערישע, וואָרים ליטעראַטור וואָס איז מעלאָדראַמאַטיש איז ווי פאַלשמינץ, און פאַרביליקט דעם עצמדיקן אמת פון לעבן.

ס'איז דאָ אַן עפּיזאָד ווּוּ די אומשטענדן זענען אַזעלכע,

דר. עזריאל נאַקס

# חיים גראַדע — דער בוימייסטער

עס איז איצט דערשינען דער צווייטער באַנד פון חיים גראַדעס גראַנדיעז ווערק „די ישיבה" ווי עס האָט געהייסן אין יידיש: „צמח אַטלאַס".

גראַדע איז דער האַר פון יידישן וואָרט — פון דעם וואָרט וואָס געהערט צו דורות, וואָס איז אָנגעזאַפט מיט דער לשון־קודשקייט און די תרי"ג מצוות פון אונדזערע זיידעס, מיט דעם זיסן טרויער וואָס אונדזערע באָבעס האָבן אַריינגעטרערט אין די תחינות, וואָס איז אָנגעהויכט מיט דער וואָר און לעגענדע פון וואָך און שבת, פון קראָם און מאַרק און יריד, פון מענער אין בית־מדרש און פון פרויען אין די שטיבער, און פון לומדים און בחורים אין ישיבה. ער איז דער האַר פון וואָרט אין ביידע קיניגרייכן פון וואָרט — אין דער דיכטונג און אין דער פראָזע.

אפילו ווען דער מחבר וואָלט זיך באַגרענעצט מיט דעם ערשטן באַנד, וואָלט דאָס ווערק אויך געווען אימפאָזאַנט, און מען וואָלט געמעגט מאַכן אַ ברכה איבער דעם, און עס וואָלט געווען אַ דימענט אין דער קרוין פון דער יידישער ליטעראַטור. עס וועט בכן אפשר קלינגען ווי אַ גוזמא ווען איך וועל זאָגן, אז דער צווייטער באַנד איז נאָך אינטערעסאַנטער און שטאַרקער. און ס'איז אינטערעסאַנט נישט אויפן חשבון פון דעם ערשטן באַנד, נאָר מחמת דאָ ווערט בולטער דער ריזיקער אויסשפרייט פון זיין קאַנווע, עס ווערט פאַרכאַפנדיקער דער ווונדערלעכער געוועב פון זיין סיפור־המעשה, מיט אַן עשירות פון עפיזאָדן וואָס פלאָנטערן זיך נישט און פאַרשטעלן נישט די געשטאַלטן, נאָר זענען ווי אינסטרומענטן אויף וועלכע זיי שפילן אויס זייער צער און פריד.. די צענטראַלע געשטאַלטן זענען אַרומגערינגלט מיט אַ גאַלעריע מענטשן — און אַלע צוזאַמען און באַזונדער זענען אין קלעם פון גורל, דורכגעדרונגען מיט אַ בענקשאַפט נאָך שלימות, דורכגעוויטיקט מיט צווייפל, אין אַ סביבה און תקופה פון שאַרפן איבערגאַנג און גרונטאָווע ענדערונגען אין די נאָרמעס און מנהגים פון דעם ציבור און אין דער פסיכיק פון יחידים.

★

אין דעם ערשטן באַנד איז חיים גראַדע אַ מייסטער; אין דעם צווייטן איז ער אַ בוימייסטער. דער בנין זיינער ציט זיך איבער אַ היפשן שטח — וואַלקעניק, נאַרעווע, אַמדור, לאָמזשע, ווילנע — און אין דעם געמעל פון געשטאַלטן זענען דאָ תלמידי חכמים און בעל־מלאכות, רבנים און מוסרניקעס, סוחרים און אָרעמעלייט, גבאים און האָרעפאַשניקעס, פרומע און „פרייע", ראשי־ישיבות און משכילים, מנהלים און מנהיגים. דאָס זענען נישט סתם־אַזוי שאָטנס, וואָס שוועבן פאַרביי אויף דער קאָלאָסאַלער קאַנווע און ווערן ערגעץ־ווּ פאַרלאָרן אין קיינעמס לאַנד; זיי פאַרמאָגן פנימער, זיי זענען עכט און ראַיעל, און זענען פאַרוואָרצלט אין דער סביבה און טראָגן אין זיך די טראַדיציעס און ווערטן פון דורות.

זיי זענען אָבער נישט געקנאָטן פון דעמזעלביקן טייג, באַוועגן זיך נישט אין דער איינהייטלעך־יידישער וועלט וואָס איז אַמאָל געווען, ווי, למשל, אין שלום אַש'ס „דער תהילים יִד". די עדה איז אַ צעשפאָלטענע, און ס'איז דאָ אַ ריס צווישן עלטערן און קינדער, צווישן פאַרשידענע מחנות און צדדים, ביי א טייל אַ גוואַלד־ריס — ציוניסטן און „לינקע", מזרחי און אגודה, פרומע און „פרייע". ס'איז אַ וועלט אין פראָצעס פון שינויים, אין דעם פראָצעס פון איבערשאַצן ווערטן און אידייען און מידות און אויספאָרמירן נייע, ווי אַ רעזולטאַט פון דער „אינפילטראַציע", פון דעם אָנגריף, פון דער אַרומיקער „ציוויליזאַציע". עס געלינגט גראַדען צו שילדערן אָט־די וועלט, מיט איר אויפרודער און בהלה, און ער דעקט פאַר אונדז אויף די פעדעם וואָס פאַרבינדן די מחנות, און ער אַנטפלעקט פאַר אונדז זייער שורש אין יידישער אייביקייט, און אַזוי־אַרום פאַרוואַנדלט ער דעם כאַאָס אין אַ קינסטלערישן יש. צו דעם איז מסוגל און זוכה דער בוימייסטער.

עס וואָלט אָבער געווען א טעות צו באַצייכענען גראַדעס „צמח אַטלאַס" ווי אַ „סאָציאָלאָגיש" ווערק, ווי בלויז אַן אָפשפיגלונג פון שטייגער און נוסח, עלעהיי ליטעראַטור וואָלט געווען נישט מער ווי אַ צווייג פון געשיכטע, אַ פסעוודאָ־וויסנשאַפט. אַוודאי איז דאָ שטייגער, אויף דער העכסטער מדרגה, געטריי און „רעאַליסטיש", אָבער פאַרטיפט און געלייטערט אין דער פריזמע פון דעם שעפערישן דמיון. ס'איז שטייגער, נישט ווי אַבסטראַקציע, נאָר ווי עפעס וואָס מען זעט פון אינעווייניק, ווי דער שמייכל און דער צער פון זאַכן, ווי זייער איכות און תוכן.

צמח אַטלאַס און דער מחזה־אַברהם און די גאַלעריע פיגורן וואָלטן נישט געווען אָט דאָס וואָס זיי זענען אין אַן אַנדער סביבה און ביי אַן אַנדער פאָלק. דאָס פאַרמינערט נישט און פאַרנעפלט נישט זייער אוניווערסאַלקייט, די ראַנגלענישן זייערע מיט זיך און מיט דער וועלט וואָס זענען ממעמקים, פון די פאַרבאָרגנסטע ווינקלען פון דער נשמה, אָפגעשניטענע בלומען געדויערן אויף אַ ווילע און פאַרוועלקן, און זייער אַראָמאַט וועפט זיך אויס. די וואָס האָבן נישט קיין חשק מיטצולעבן מיט אָט־דעם שטייגער, וואָס דער בוימייסטער האָט פאַר אונדז אויפגעשטעלט, וואָס ווילן נישט אָדער זענען נישט ביכולת זיך צו באַהעפטן מיט אים אין דער פאַנטאַזיע, וועלן פאַרפעלן די אוניווערסאַלקייט פון די געשטאַלטן און פאַרקוקן דעם דיכטערס אויפטו, זיין קינסטלערישע פעולה.

---

The Yeshivah, Volume II: Masters and Disciples. By Chaim Grade (translated from the Yiddish, by Curt Leviant). The Bobbs-Merrill Company, New York, $15.00. 399 pages.

שריבענע מיט ווייטיקלעכער נאָסטאַלגיע געפינען זיך עטלעכע פון אַ היסטאָרישן ווערט. — בנימינס יעוועלעווסקיס ברייטער אַרומנעם און משה לאַכאָוויצקיס פּרטימדיקע, כמעט טאָג ־ בוך באַשרייבונגען, אָנגעוואָרפענע אויף דער הייסער מינוט. זיי קענען ווערן באַטראַכט ווי אַ סוביעקטיווער בליק פון מחבר, אָבער זענען זיי דען אַן אויסנאָם אין דער יזכור־בוך ליטעראַטור?

אַ טייל מעמואַרן זענען געשריבן אין אַ טרוקענעם, טעלעגראַפישן סטיל, דורך וועלכן דער „טרוקענער" גרויל רייסט זיך ארויס מיט אַ מאוימדיקער קראַפט אוממעגלעך צו פאַרגעסן.

אַ שטאַרקן איינדרוק לאָזן איבער די דערינערונגען פון י. אַלפּעראָוויטש „אויפן שוועל פון חורבן". אַלפּעראָוויטש מאָלט דאָס גרויליקע בילד פון דער ערשטער שחיטה, קורץ, כמעט אין תנכישן סטיל.

„מען האָט די יידן צוגעפירט צו די גריבער. אַ באַפעל: זיך אויסטאָן נאַקעט! אַ האַרבסטיקער ווינט האָט דורכגעשניטן די נאַקעטע לייבער; אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט געלע בלעטער, און די יידן האָבן מקנא געווען די בלעטער, וועלכע זענען דאָך „געשטאָרבן" מיט אַ נאַטירלעכן טויט... אין עטלעכע שעהן זענען דערמאָרדעט געוואָרן 4000 יידן.

דריי אַרטיקלען פון היגן תושב, שרייבער — דערציילער משה אייזענבוד, זענען אויסצוגן פון זיינע ביכער „געלעבט הינטער קראַטן" און „ניעסוויזשער יידן". אייזענבוד איז אין דער מלחמה־צייט געווען אין רוסלאַנד. די אויסצוגן גיבן צו דעם בילד פון ניעסוויזש אַ ליטעראַרישע סובסטאַנץ פון וועלכער עס טיילן זיך אויס עטלעכע עלעמענטן: ערנסטער דעסקריפּטיוו געפּאָרט מיט אַ שטילן הומאָר: זעט, אזוי האָבן אויסגעזען די יידן אין אונדזער שטעטל.

פון די אויסצוגן טיילט זיך אויס „אונטער סאָוויעטישער הערשאַפט" וואָס באַציט זיך צום פּעריאָד פון היטלער־סטאַלין אָפּמאַך, פון האַרבסט 1939 ביז זומער 1941, ווען די נאַצי־אַרמייען האָבן מאַרשירט אויף רוסלאַנד אונטער דעם שיפר־פּלאַן: „באַרבאַראָסאַ".

ווי אַ יונגערמאַן פון 18 יאָר דערזעט אייזענבוד די ווידעראַנאַנדן צווישן אידייע און איר פאַרקריפּלטער דורכפירונג. ניכטער, מיט קלאָרער אָביעקטיווקייט שאַצט ער אָפּ די סאָוויעטישע סאָציאַלע רעפאָרמען, וואָס זענען ראַדיקאַל, ביז ווייטיק.

דאָס „אַלטע" ווערט צעשטערט כדי צו בויען דאָס „נייע" — וואָס אין אויסווירק בלייבט עס ביים אַלטן. דער יידישער האָרעפּאַשניק, באַלמעלאָכע צי גערטנער, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, וועלכער איז געווען געפּלאָגט פון פּוילישן שטייער־אַמט ווערט איצט פאַרפאָלגט פון סאָוויעטישן „פינ־אָטדיעל" — דער האָרעפּאַשניק האָט באַשעפטיקט אַן אַרבעטער, איז ער אַ קאַפּיטאַליסט־ספּעקולאַנט.

געביטן האָט זיך הייסט עס די מאַנשאַפט. די הויפּטאידייע פון מענטשן באַפרייאונג איז געבליבן שטעקן אונטערוועגס.

— — — — — — — — — — — — — — —

נאָך דער ערשטער שחיטה זענען אָפּגעפלאָסן 9 חדשים, 9 חדשים פון אַ קאָשמאַר אויף דער וואָר. דאָס דערנידעריקן דעם מענטשלעכן כבוד, דאָס געפיל פון זיין אויסערן געזעץ, און די בענקשאַפט נאָך די אומגעקומענע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, האָט געדריקט צוליבן געפיל פון אייגענער אָנמעכטיקייט.

משה לאַכאָוויצקי אין „די צוואה פון די קדושים" באַשרייבט אויספירלעך דעם פאַרלויף פון דער צווייטער שחיטה און דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

אין קיצור איז עס געווען אזוי:

דער כסדרדיקער קלעם האָט ארויסגערופן ביי 600 געבליבענע „אויף דערווילע" אַ גייסטיקן איבערברוך, אַ ווילן צו אַ ווידערשטאַנד לויטן אַלטן נוסח! „תמות נפשי אם פלישתים" און מען האָט געגרייט בונקערס. עס האָבן זיך געשאַפן אָפּטיילונגען פון פרייוויליקע, מיידלעך האָבן געשמוגלט געווער און אַמוניציע, איינשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן.

די געשעענישן זענען געלאָפן שנעלער ווי די ביטערע קלאַנגען. עס איז געקומען דער קלימאַקס — די דייטשן האָבן באַפוילן אויסצוטיילן דרייסיק פאַכלייט כדי צו לערנען די ווייסרוסן פארשידענע מלאכות, און די רעשט 550 זאָלן זיך פאַרזאַמלען ביים געטאָ־טויער.

די יידן האָבן פארשטאַנען וואָס דאָס באַדייט און האָבן דעם באַפעל נישט אויסגעפירט. צוזאמען מיט די דרייסיק אויסגעקליבענע האָט זיך צום געטאָ־טויער אַ לאָז געטאָן דער גאַנצער עולם. אַ שיסעריי פון די דייטשן, ליטווינער און ווייסרוסישער פּאָליציי. די קעמפער פאַרבאַריקאַדירטע אין אַ שול לעבן געטאָ־טויער עפענען אַ שיסעריי אויף די דייטשן. פון זייערע קוילן זענען געפאַלן 9 פּאָליציי־לייט און פאַרוואונדעטע דייטשן. לויט אַ ספּעציעלן סימן האָבן עטלעכע יוגנטלעכע אונטערגעצונדן דאָס געטאָ פון אַלע זייטן. פון די באַהאַלטענע אין די בונקערס און פון די קעמפער זענען א טייל דערגאַנגען נאָך דער שחיטה צו די וועלדער און געשאַפן פאַרטיזאַנער־גרופּן. צווישן די פאַרטיזאַנער האָט זיך אויך געפונען שלום כאָלעווסקי, היינט אַ שרייבער און געז. טוער אין ישראל.

אין ניעסוויזש האָט זיך אין אַ באַשיידענעם פאַרנעם איבערגעחזרט אַ העראָישער עפּיזאָד, וואָס רופט זיך אָיבער מיט עטלעכע העראָיש־גרויליקע געשעענישן אין ווייטן עבר — תמות נפשי אים פלישתים, מצדה, כמיעלניציק שחיטות און אַ סך אַנדערע. זעט אויס, אַז אין אַן עת צרה וועקט זיך אויף דער פאָלקס־זכרון, וואָס איז מעכטיקער ווי די שווערד.

ניעסוויזש איז געוואָרן פאַרשניטן און אָפּגעמעקט פון פּנים פון דער ערד, נאָר דער העראָיזם פון די געציילטע וועט לייכטן צוגלייך מיט די העלדנטאַטן פון אַמאָליקע פאַרטיידיקער פון יידישן כבוד.

ניעסוויזש לעבט נישט מער. דער איינציקער זכר נאָך איר זענען צוויי מאַסן־קברים אין ראַדזשיווילס פאַרק, און אַן ערך 5 קילאָמעטער פון שטאָט, אויפן וועג וואָס פירט צום שטעטל סנאוו...

י. מ. לעווין

## י. מ. לעווין

# ספר ניסוויז׳



(דערשינען 1976)

ניסט אַן איבערבליק
נאָר אַ קדיש טרער.

„ספר ניעסוויזש" איז אַ יזכור־בוך לזכרון ניעסוויזש, איינע פון ידישע שטעט אין ווייסרוסלאַנד, וועלכע איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון פנים פון דער ערד ווי טויזנטער ישובים, שטעט און שטעטלעך, ווען עס האָט געהערשט דאָס מלכות רשעות פון דייטשן נאַציזם.

אין דער ברייטער נעץ פון ישובים, שטעט און שטעטלעך אין אַמאָליקן פּעאָדאַלן פּוילן, דערנאָך אונטער דער הערשאַפט פון רוסישן צאַראַט, און שפּעטער אין „פרייען, דעמאָקראַטישן" פּוילן, איז דאָס לעבן, דאָס ידישע לעבן געפלאָסן מיט אַ פילפאַרביקן, פולבלוטיקן ריטעם פון פריידן און ליידן, פון אויפשטייגן און אויך ירידות — אָבער אַלעמאָל מיט דעם פאָלקיש געזונטן דראַנג איבערצוהאַלטן די גזירה, איבערצולעבן דאָס שלעכטס.

אין דעם פּרט איז ניעסוויזש נישט געווען קיין יוצא מן הכלל. די געשיכטע־בלעטער פון אונדזער פאָלק, דורכגעוויקטע מיט טרערן און בלוט דערציילן, אַז אומעטום, אין אַלע צייטן האָבן יידן דורכגעמאַכט בילבולים, רדיפות און הריגות, אָבער נאָך יעדן אויסגוס פון צאָרן האָבן זיי אָנגעהויבן דעם ווידעראויפבוי פונדאָסניי.

צוגעהאָלפן נישט אריינצופאַלן אין יאוש און אויפהויבן דעם קאָפּ — אויף די הענט — אין אַן אָפּווער־קאַמף קעגן שונא, אין יעדער תקופה, איז געווען דער טיף פאַרוואָרצלטער אין דער ידישער נשמה בטחון: „מיר וועלן דעם המן אויך איבערלעבן" איז געוואָרן דער אינערלעכער רוף אין אַן עת צרה, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן און געשטאַרקט דאָס שווערע געמיט.

אַנדערש איז עס געווען אין דער צייט פון לעצטן חורבן, אין דאָזיקן מוראדיקן קאַטאַקליזם, וואָס ווערט מיט רעכט אָנגערופן „חורבן בית שלישי", האָט אַ דריטל פון פאָלק פאַרלוירן נישט נאָר די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע עקזיסטענץ ווי נאָך דעם צווייטן חורבן בית המקדש, נאָר דאָס לעבן בפּועל ממש.

אין דער טראַגישער רשימה פון גבורה און אומקום פאַרנעמט ניעסוויזש אַ בכבודיק אָרט — צווי שחיטות — און אַן אויפשטאַנד — דער ערשטער אין דער העראָישער געשיכטע פון מרידות קעגן שונא. דעם 13 אָקט. 1941 זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן 4000 יידן, מענער, פרויען, קינדער און זקנים. דאָס איז געווען די ערשטע שחיטה, דער אָנהויב פון סוף פון יידישן ניעסוויזש.

ניעסוויזש איז געווען אַן אַלטע ידישע שטאָט איינגעפונדעוועט זינט לאַנגע דורות. זי ווערט דערמאָנט אין די פּנקסים פון „ועד ארבע ארצות" און אין נאָך פריערדיקע דאָקומענטן פון 14טן יאָרהונדערט, איידער די פּוילישע מאַגנאַטעריע, די ראַדזשיווילס און אַנדערע האָבן בעשת זייער ווילדער, צעהוליעטער הערשאַפט געהאַלטן די יידן אין צוים ווי די לייב־אייגענע פּויערים. ידיש האָב און גוטס, ידיש לעבן איז געווען הפקר, און פאַלן פון שיסן צו אַ ידן ווי צו אַ ווילדער גאַנדז איז געווען אַ דערלאָזבאַרער צייט־פאַרטרייב, אויפגענומען מיט הומאָר מצד די גוט צילנדיקע שיסערס.

צייטן האָבן זיך געביטן און ניעסוויזש איז מיטגעגאַנגען און מיטגעלעבט מיטן גייסט פון כסדרדיקן בייט פון דער צייט.

פון די אַרבעטן, וועלכע געפינען זיך אין ספר ניעסוויזש, די גבית עדות פון די על־פּי־נס געראַטעוועטע, שאַפט זיך אַ בילד וועגן ידישער וויטאַליטעט בכלל, וועגן ניעסוויזש בפרט. דאָס בילד איז געמאָלן קרעפטיק און איבערצייגנדיק; עס גיט אַן אַרומנעם פון אַ ברייטער אַקטיוויטעט אין פאַרשידענע תקופות, ספּעציעל אין דעם צייטאָפּשניט צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

אין ניעסוויזש, ווי אין אַלע ידישע שטעט און שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע, איז דער שטראָם פון ידישן לעבן געפלאָסן מיט אַ שטורמישן לויף. עס איז געווען די גילדענע תקופה פון אַ גרויסן קולטור־אויפשטייג פול מיט שאַפונגען פון שרייבער, קינסטלער און פון ידישן טעאַטער. עס איז פאָרגעקומען אַ געפעכט פון אידעאָלאָגישע שטרעמונגען, נייע און אַלטע, אַ חוץ די זינט דורות איינגעפונדעוועטע טראַדיציעס פון זאָרג פאַר די נויטבאַדערפטיקע.

עס זענען אויפגעקומען אינסטיטוציעס פריער נישט באַקאַנטע: פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ביבליאָטעקן, יוגנטאָרגאַניזאַציעס, ספּאָרט־קלובן, „ציש"אָ" און תרבות שולן, „טאָז" און אַ סך קלענערע אינסטיטוציעס, ווי אויך פאַרטייען פון עקסטרעם רעכט ביז עקסטרעם לינקס.

צווישן דער גרויסער צאָל אַרטיקלען — מעמואַרן גע־

---

מענער. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז האָבן מיר דערהערט א געמיש פון שפּראַכן: פּויליש, אונגאַריש און יידיש, זיי האָבן אונדז געפרעגט וואַהין מיר גייען, און מיר האָבן זיי געפרעגט וווּ זיי גייען... און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי גייען נאָך דאָס מיליטער פון פראָנט, ס'הייסט זיי טרעטן אָפּ צוריק, און מיר, ס'הייסט אונדז טרייבט מען צום פראָנט, נענטער צו די שלאַכטן...

לאה זילבער

אַ שטורעם. די שטילקייט האָט אָנגעשפּיצט יעדן עבר, אַן אומרואיקייט האָט זיך אַריינגעכאַפּט צווישן אונדז און אַ שטאַרקער ווילן צום לעבן האָט אונדז באַהערשט. מיטאַמאָל האָבן מיר דערזען דעם שטורם־שאַר־פירער אין באַגלייטונג פון די „מאַטראַצן מוידן" און פון הינטן האָט זיך נאָכגעשלעפּט אונדזער קאַפּאָ. מיר זענען געוואָרן אָנגעשפּיצט, אומגעדולדיק, סהאָט אַלעמען אָנגעהויבן צו טרייסלען... דער שטורם־פירער האָט זיך דערנענטערט צו אונדז, מיט זיין „אויסגעוואַשענעם" שמייכל, די קאַפּאָ איז געלאָפן פאָרויס, און מיר האָבן באַמערקט, אַז זי איז אַן דעם קאַנטשיק... איר שטים איז געווען געבראָכן. דאָס האָט פאַרשטאַרקט אונדזער פרייד. דער שטורם־פירער האָט פאַר אונדז גערעדט עטלעכע קורצע ווערטער, געהייסן נעמען אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן, און זיך אויסשטעלן אין רייען, צו צען. איך האָב אָנגענומען מיין ווינער דאַמע אונטערן אָרים, געבעטן זי זאָל „אום גאָטעס ווילן" זען זיך צו שטאַרקן, ס'האָט פון איר זיך געריסן אַ מאָדנע פרייד מיט אַ ווילן צו חלש'ן... כ'האָב איר געניפּט און צו איר געשריגן זי זאָל זיך האַלטן. פון מיין צוויטער זייט האָט מיר אָנגענומען א פרוי פון לעמבערג, פון אַ יאָר עטלעכע פערציק, וועלכע האָט אויסגעזען ווי אַ זקנה, און זיך געבעטן ביי מיר אויף איר גאַליציאַנער לשון: לאה'שי, לאה'שי פאַרלאָזן זי מיר ניט!... און צווישן די ביידע פרויען האָב איך זיך געריסן צו דער הויך, ניט איינגעזונקן ווערן כון זייער אָפּגעלאָזענער שווערקייט.

מיר, פרויען אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, פול מיט לייז, ארומגעוויקלט מיט לייזיקע קאָלדרעס, שמוציקע, פאַרדאַרטע נאָר מיט די הויט אויף אונדזערע ביינער, און מיט אַ טיפער און שרעקעוודיקער פרייד אין אונדזערע הערצער, — האָבן אַזוי אָפּמאַרשירט. ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט, די זון האָט מיט איר אָפּשיין זיך געטובל'ט אין דער אָזערע, וועלכע האָט שוין געשפּרייט אירע וואַסערן, און פול געמאַכט דעם פלאַץ ארום די באַראַקן. די בוימער אויפן באַרג האָבן זיך באַוועגט, געבויגן זייערע נאָך נאַקעטע קעפּ און זיך געשושקעט מיט קינאה. די לופט האָט געגלעט, אַן אָנגעוואַרעמטע פון אַ גאַנצן טאָג, און אין האַרצן ביי אונדז איז געווען יום טוב. די פאָסטנס ארום אונדז זענען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, קענטיק פאַרזונקען אין מחשבות. דער שטורם־פירער האָט געקראָגן אַן ערנסט פּנים, די „מוידן" זענען געווען פאַרקרימט, פאַרזויערט און געשוויגן. מיר זענען דורך דעם וואַלד, און ארויס אויפן ברייטן וועג. דער וועג איז געווען גלאַט, דער שניי כמעט ווי פאַרשוווּנדן, און מיר האָבן לאַנגזאָם זיך גערוקט פאָרויס. קיינער פון אונדז האָט ניט געקרעכצט, ניט באַקלאָגט זיך. אַנטקעגן אונדז האָט שוין איבער די פעלדער זיך געשפּרייט די נאַכט, אונדזערע הילצערנע שיך האָבן געקלאַפּט צום טאַקט, און וואָס פינצטערער ס'איז געוואָרן, אַלץ מער חוצפה האָבן זיי געקראָגן. זיי האָבן געזעצט מיט אומגלויבלעכן פעסטן כח, און ניט זעענדיק אונדז, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז עס מאַרשירט אַ העלדישע אַרמיי, צו אַטאַקירן דעם שונא...

מיטאַמאָל האָט אַ בליץ אויפגעריסן דעם חושך און זיך אַרונטערגעלאָזן ערגעץ אין דער ווייט, שטילע דונערן האָבן זיך צעטראָגן אין דער נאַכט, ס'האָט געבען אַ זעץ און דער זעץ האָט „געבוירן" א פייער, דער חושך האָט אויפגעלויכטן, אַ פלאַם האָט אַזוי ווי אַ „קוש" געטאָן דעם שפּיץ פון אַ בוים אויפן באַרגיקן וואַלד. די שמחה פון פייער האָט זיך צעטראָגן אין דער ביינאַכטיקער לופט מיט ביטערן חוזק, די לופט איז ווידער אָנגעפילט געוואָרן מיט זעצעניש און אויפרייסן.

די פאָסטנס האָבן זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף, און אַרונטערגענומען די ביקסן פון די פּלייצעס און זיי אויסגעשטעלט אויף אונדז, ווי צום שיסן...

מיטאַמאָל האָבן מיר דערהערט קולות גראָבע און באַפעלערישע. פּונקט אַנטקעגן אונדז איז אָנגעקומען אַן אַרמיי, באַשיינט פון דער וואַלדיקער שרפה אויפן באַרג. דער געדיכטער רויך האָט אָבער כמעט ווי פאַרשטעלט דאָס פייער, און דער פלאַם האָט נאָר באַשיינט די הימלען און מיר זענען געוואָרן איינגעטונקט אין חושך. די פאָסטנס האָבן זיך צעשריען, מיר זאָלן אַריינקריכן אין די זייטיקע גראָבנס און מיר זענען אַלע אַריינגעקראָכן אין אַ טיפער און קלעפּיקער בלאָטע, מיר זענען געלעגן אייגנע אויף די אַנדערע, אויפן וועג האָט זיך געצויגן אַן אַרמיי מיט האַק און פּאַק, געקלאַפּט מיט די באַטשוועקטע שטיוול איבערן אַספאַלט. זייערע פּנימער האָבן מיר ניט געקענט זען, אָבער דאָך האָבן מיר געזען ווי זיי האָבן זיך באַוועגט, שווער און האַמעטנע, מיט געבויגענע קעפּ ווי פאַר'משפּט'ע, אויף זייערע פּלייצעס זענען געלעגן גאַנצע הויקערס. די נאַכט האָט געהויערט איבער זיי אַ פינצטערע און אַ בייזע, און זיי זענען געגאַנגען און געגאַנגען און ס'האָט זיך געדוכט, אַז ס'וועט קיין סוף ניט נעמען צו זייער גיין. מיטאַמאָל האָבן מיר דערהערט אַ טראַסקען פון וועגענער און קולות אויף דייטש האָבן אָנגעפירט די פינצטערניש, ס'איז פאַרביי די מיליטערישע קיך מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג, און מיר האָבן אָנגעהויבן ארויסצוקריכן פון די טיפע גראָבנס ביים שאָסיי. מיר זענען געווען אַן ערך צוויי טויזנט מענטשן, ווייל פאַר די דריי וואָכן וואָס מיר זענען געווען אין דעם דורכגאַנגס לאַגער, זענען צו אונדז צוגעקומען אַ סך לאַגערניקעס פון אַנדערע ערטער פון פּרייסן, און מיר האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסע, שמוציקע, לייזיקע שרעק־אַרמיי. מיר האָבן אַגב ניט געוווּסט ווו מיר געפינען זיך, — דאָס האָבן מיר זיך דערוווּסט אַ סך שפּעטער, מיר האָבן אויך ניט געוווּסט, ווּהין די דייטשע אַרמיי איז געגאַנגען, אַנצוגרייפן דעם שונא, אָדער אָפּטרעטן אויף צוריק..

מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן גיין. די פאָסטנס האָבן צוריק אויפגעהאָנגען זייערע ביקסן אויף די אַקסלען, און צוריק אַרונטערגעלאָזן די קעפּ, ס'איז געווען קענטיק, אַז ס'איז זיי ניט פריילעך אויפן האַרצן... אָפּגייענדיק אַ שעה אין דער פינצטער האָבן מיר ווידער דערהערט קולות, אָבער דאָס מאָל זענען מיר ניט אַרונטער פון שאָסיי. מיר האָבן דערזען פאַר זיך אָפּגעריסענע, קאַליקעס, אין קאַצעט קליידער — אַ גאַנצע אַרמיי פון שקלאַפן וואָס האָבן זיך קוים געשלעפּט אויף זייערע פיס. דאָס רוב

לאה זילבער — מאָנטרעאָל

# דער מאַרש צו באַפרייאונג

**ערגעץ אין פּאָמערן, 1945**

(אַ פראַגמענט פון עמק הבכא)

מיין עסטרייכישע דאַמע, ווי מיר פלעגן איר רופן, די באַרימטע זינגערין פון ווין, איז געלעגן אַ פאַרשמאַכטע און זיך מער נישט געקענט רירן פון אָרט. די אויגן צוגעמאַכט אָן אַ סימן פון לעבן, איז זי אויסגעגאַנגען וואַרטנדיק ביז כ'וועל איר ברענגען דאָס ביסל מוטנע וואַסער, מיטן בלאָנדזשענדיקן קאַרטאָפל שאָלעכץ? אָדער איז נאָך ערגיץ, אין איר וווּ ניט וווּ געבליבן שטעקן אַ פּיצעלע לעבן, וואָס מ'וואָלט געקענט אויפבלאָזן. פאַרשוואַכט, מיד און אויסגעצערט ווי איך בין געווען, האָב איך דאָך געעפנט איר מויל און אריינגעקאַפּעט אַ ביסל ברודנע וואַסער אין איר, עטלעכע טרערן פון מיינע אויגן האָבן אויך אריינגעטריפט אין איר מויל, און דאָס איז געווען דער „מאָלצייט" מיט וועלכן כ'בין געווען אימשטאַנד איר אָנצוקאָרמענען... און דער „קאָמפּאָט" איז געווען מיין ווילן איר צו מאַכן צוריק לעבעדיק... זי האָט געגעבן אַ ציטער... אַ טיפע פרייד האָט מיר אַרומגענומען, א ניט דאָאיקע. כ'האָב איר אויפגעזעצט און איר אָנגעקאָרמעט מיט מיין חלק, אפילו מיין שאָלעכץ פון קאַרטאָפל האָב איך איר אָפּגעגעבן... און איך בין געוואָרן זאַט... ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, אַ לייכטער פרעסטל האָט אויסגעפּוצט די הימלען, באַצירט די טיפע טונקעלע בלויקייט מיט בלאַנקענדע שטערן, און ווען דער בלויער הימלשער טעפּיך האָט זיך צעשפּרייט, האָט זיך פון הינטערן וואַלד אויפן באַרג, באַוויזן די נאַכט קעניגין, בלייך און צאַרט, האָט זי מאַיעסטעטיש געשוועבט פאָראויס. די אָזערע פון אונטן האָט זיך צו'חנדלט, מיט ליכט געבאָרגט פון אויבן, און אַ געטלעכע שטילקייט, א ניט געשטערטע, האָט ווי מיט אַ מאַנטל אַרומגעווינקלט די וועלט, און פאַרשטעלט דעם גרויל פון אירע באַשעפענישן.

גרויסער גאָט, ווי אייביק דו ביסט, ווי אייביק די שיינקייט איז!

זענעןליידן אויך פאררעכנט ווי שיינקייט? ס'איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: אמתע ליידן טוען וויי, אָבער זיי ברענגען נוצן, זיי מאַכן רייף און שיין די מענטשלעכע נשמה; אַ ווייכע און ליבע צאַרטקייט האָט אָנגעפילט מיין האַרץ, ס'איז געווען דאָס פאָרגעפיל וואָס האָט זיך אין מיר באַזעצט. די שטילקייט האָט מיר געגלעט, כ'בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן פענסטער פון באַראַק, אַרומגעוויקלט מיט מיינע אַלע שמאַטעס און אומבאַוווּסטזיניק געווען גרייט אין וועג אריין. אַ גרויסע ליכט איז עפּעס ווּ אויפגעגאַנגען איר מיר, און כ'האָב מיט מיינע פאַרשמאַכטע ליפּן „געקושט" דעם וויטן האָריזאָנט, וועלכער האָט זיך ווי געריסן צו מיר מיט זיין בלייכער ראָזקייט פון הינטער דער אָזערע.

וויטע דונערן האָבן צעשטערט די שלווה'דיקע רואיקייט, טעמפּער אָפּקלאַנג ווי דאָס פּויקן אין גרויסע באַראַבאַנען, האָבן זיך געטראָגן פון הינטערן וואַלד, און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן. ס'האָב אָבער נישט געדויערט לאַנג און אַ בליץ האָט זיך צעטראָגן איבערן הימל און ס'האָט זיך געדוכט ווי די לבנה וואָלט זיך דערשראָקן, און אָנגעהויבן שווימען שנעלער. זי איז ווי בלייכער געוואָרן, די אַזוי אויך בלאַסע לבנה. די זון האָט זיך געריסן פון הינטער דער אָזערע מיט פייער און חוצפה און געשאָסן אין דער בלייכער שיינהייט, מיט אירע פייערדיקע שפּיזן, און זי, די לבנה איז אָפּגעטראָטן דעם וועג פאַר דעם פייערדיקן טאָג, מיטנעמענדיק מיט זיך די שטערן און מיטשלעפּנדיק מיט זיך דעם טונקל בלויען טעפּיך. דער הימל איז געבליבן הענגען ווי אַן אויפגעדעקט צאַרט ראָזער גוף פון אַ קינד אין וויגל און געוואַרט... ס'האָט זיך אויסגעשיילט דער טאָג מיט דער רו פון מעשי בראשית.

די שווערע דונערן פון דער רוסישער אַרטילעריע האָט אַלעמען אויפגעריסן פון שלאָף. אַ מאָדנע אימפּעדיקע פרייד האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, עפּעס איז יעדערער נישט ווויסנדיק פאַר וואָס — געווען גרייט. די פרויען האָבן ווי דורך אַ נס צוריקגעקראָגן זייערע כוחות, די דאַרע פּנימער האָבן זיך מאָדנע צעשיינט; אַ ווייבל האָט זיך צעשריען מיט קולות, קינדער! גאָט האָט זיך דערמאָנט אָן אונדז!

— די האַרמאַטן קלינגען אין מיינע אויערן ווי די שענסטע מוזיק, האָט געשריען אַ צווייטן.

— אוי, זיי זאָלן אונדז נאָר נישט אויסשיסן, — האָט געקלאָגט אַ דריט ווייבל מיט אַ זויער פּנים, זיך קראַצנדיק נערוועז דעם קאָפּ. איך האָב זיך פאַרנומען מיט מיין ווינער דאַמע, איר אָנטאָן און איר טרייסטן, געבן איר מוט, זי זאָל נישט ליגן ווי אַ קלאָץ, און נישט פאַרשפּעטיקן דעם יציאת מצרים. וואָס אָן אמת: משה רבנו איז צו אונדז נישט געקומען, אונדז נישט אָנגעזאָגט וואָס מיר האָבן צו טאָן, קיין שכנות ווּ צו לייען זילבער און גאָלד, האָבן מיר אויך נישט געהאַט... אָבער דאָ האָט שוין, ווי עס ווייזט אויס דער אויבערשטער זיך אליין אָפּגעגעבן מיט אונדז, און דאָס צו זען, האָט מען ניט געדאַרפט זיין קיין גרויסע כחמים. קיין חן ביי לייטן האָבן מיר טאַקע ניט געקענט ארויסרופן מיט אונדזער פינסטערן אויסזען, אָבער דערפאַר האָבן מיר ארויסגערופן דעם רחמנות ביים אויבערשטן אליין,

מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף אונדזערע נאַרעס און געוואַרט, טראָץ דעם וואָס קיינער האָט אונדז גאָרניט געזאָגט, נישט געגעבן קיין באַפעל. די האַרמאַטן שיסעריי האָט זיך אָנגעהויבן איבערצוחזרן כמעט איינס נאָך דאָס אַנדערע. די פויגל זענען פאַרשוווּנדן, און דער וואַלד אויפן באַרג איז געוואָרן אומרואיק. ס'האָט זיך געדוכט, אַז די בוימער ציטערן אין שרעק, אויב ס'וואָלט מעגלעך געווען וואָלטן זיי זיך צעלאָפן. נאָר זייערע וואָרצלען האָבן זיי געהאַלטן צו דער ערד. ס'האָט אויסגעזען ווי ערב

דערבײַ וועגן די פּליטים. צי טראַכט ער ווי אַ נאַצי־מטורף, אָדער מיט אַ געפֿיל פֿון מיטלייד צו די מענטשן. דער חבר זײַנער גיט אים צו פֿאַרשטיין זייער נאָסטאַלגיע:

— זיי זענען דאָך דײַטשן!

אַ קליינע סצענקע, אָבער דאָס אויג כאַפּט עס אויף מיט רעפֿלעקסן...

אפֿילו דער פֿאַל מיט דעם ײִדישן פּראָפֿעסאָר, ווײַלער, וואָס שטאַרבט אויפֿן שיף. מען לאָזט דעם מת אַראָפּ אין ים. אַ רעליגיעזער ייִד זאָגט „קדיש" און דאָס פֿרײלעכע לעבן אויף דער שיף גייט אָן ווייטער מיטן נאַטירלעכן גאַנג, אַזוי טאַקע ביז האַוואַנאַ.

דאַן, אַ טראַגישע איבערלעבונג פֿאַר די ײִדישע פּליטים: מען דערלויבט זיי נישט צו לאַנדן. אויף די גאַסן פֿון האַוואַנאַ, מאַרשירן נאַצי־יונגען און פֿאַשיסטן מיט אויסרופֿן: מיר ווילן נישט קיין ייִדן אין קובאַ! אין לאַנד רעגירט דער קאָרומפּירטער רעזשים פֿון דעם דיקטאַטאָר־פּרעזידענט באַטיסטאַ, וועלכער האָט אַנולירט די אַרויסגעגעבענע וויזעס. עפּעס גייען נאָך אָן געוויסע פֿאַרהאַנדלונגען, מ׳פּרוּווט אונטערקויפֿן דעם קובאַנישן אימיגראַציע־שעף, אָבער עס ווערט פֿון דעם גאָרנישט.

איך קוק אויף די אויפֿשוידערנדיקע סצענעס, ווען די קרובים פֿון די פּליטים אין האַוואַנאַ וואַרטן בײַם פּאָרט, אפֿשר...

עס איז דאָ אין פֿילם אַ בילדל, וואָס צענעמט זייער שטאַרק.

אויפֿן שיף געפֿינט זיך דער דאָקטאָר שטראַוס מיט זײַנע צוויי קליינע קינדער. בעט ער זיך מען זאָל כאַטש די קינדער דערלויבן אַראָפּצוגיין פֿון שיף. דאָס קען ער אויך נישט פּועלן. איך הער זיך אײַן צו די קלאָץ־קשיות, וואָס די באַאַמטע שטעלן דעם דאָקטער: צי וועט ער זיי, די קינדער קענען אויסהאַלטן אין קובאַ פֿון זײַנע פֿאַרדינסטן דאָרטן, ווו ער וועט מוזן צוריקפֿאָרן ווינען?

פֿאַר אָט די צוויי קינדער זײַנע קומט די ישועה דורך דער הילף פֿון אַ ייִדישער פּראָסטיטוטקע, וואָס האָט „באַציאונגען" מיט עפּעס איינעם, וועלכער איז אַ „שטיקל שישקע" אין האַוואַנאַ. זי האָט געפּועלט מען זאָל זיי אַראָפּלאָזן פֿון שיף. קוקסט אויף דער סצענע: די בליקן פֿון אַלע פּאַסאַזשירן באַגלייטן זייער אַראָפּגיין, מיט אַ פֿונק פֿון האָפֿענונג, וואָס טליעט בײַ די ײִדישע פּליטים: אפֿשר וועט זי, מיט אירע „איינפֿלוסן" אויך פֿאַר זיי עפּעס קענען אויפֿטאָן?

אָבער ניין, זי האָט אויך נישט געקענט העלפֿן. די איי־לוזאָרישע האָפֿענונגען זענען צערונען און די שיף פֿאָרט צוריק קיין דײַטשלאַנד מיט די ײִדישע פּליטים. צוריק אין דער גיהנום־גאַס...

דער קאַפּיטאַן שרעדער, איינער פֿון די חסידי אומות העולם, פֿאַרקערעוועט אָבער די שיף צו די וואַסערן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. פֿלאָרידאַ איז דאָך אונטער דער האַנט און בײַם טויער פֿון אַמעריקע טורעמט נאָך אַלץ די סטאַטוע פֿון פֿרײַהייט מיט די אומשטערבלעכע שורות פֿון עמאַ לאַזאַרוס, אַז אַמעריקע עפֿנט אירע טויערן פֿאַר אַלע פֿאַרפֿאָלגטע, פֿאַרוואָגלטע, „שיקט מיר אײַערע מידע, אײַערע אָרעמע — אַ — שיקט אַלע שטורעם־געטריבענע צו מיר..."

די שיף באַקומט אָבער וואָרנונגען פֿון די אַמעריקאַנער פֿלאָט־אָרגאַנען נישט צו דערוועגן זיך אַרײַנצוקומען אין זייערע טעריטאָריאַלע וואַסערן, און ווידער פֿון נאַצי־דײַטשלאַנד, אַ פֿאַראָרדענונג תיכף ומיד זאָל די שיף צוריקקומען קיין דײַטשלאַנד מיט איר לעבעדיקן אינווענטאַר...

דאָס אַלץ איז דאָך פֿאַרגעקומען, אַזוי האַרט פֿאַר דער וועלט־שריפֿה, וואָס היטלער האָט אָנגעצונדן.

די טראַגישע שבֿועה פֿון אַ פּאָר הונדערט ייִדן נישט אָנצוקומען לעבעדיקערהייט קיין דײַטשלאַנד (זיי האָבן עס צו וויסן געגעבן דעם קאַפּיטאַן), די מאַנעווורירונגען פֿון דעם קאַפּיטאַן, זײַן שיף אַרויפֿפֿירן אויף אַ זאַמדבערג אין ענגלאַנד בכדי די פּליטים זאָלן זיך ראַטעווען...

געהאָלפֿן האָבן דאַן די אינטערווענצן אין עטלעכע אייראָפּעישע לענדער פֿון אַ ייִדישער רעפּרעזענטאַנץ, אַרײַנצולאָזן אויף זייערע ברעגעס עטלעכע הונדערט ײִדישע פּליטים.

דער עפּילאָג פֿון די 937 ײִדישע פּאַסאַזשירן אויף דער סט. לואיס שיף, זענען אַ 600 סײַ ווי אומגעקומען שפּעטער אין די נאַצישע טויט־לאַגערן און נאָר עטלעכע הונדערט האָבן איבערגעלעבט אין ענגלאַנד.

אין די חורבן־יאָרן איז פֿאַרשאָטנט געוואָרן אָט די טראַגישע געשיכטע, אין אָנבליק פֿון די גיהנום־פֿײַערן, וואָס האָבן דאַן פֿאַרצוקט מיליאָנען ײִדישע נפֿשות.

ערשט בעת דעם אײַכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים איז, דוכט זיך, אַרויסגעשוווּמען די פּראָוואָקאַטאָרישע ראָלן, וואָס אײַכמאַן צוזאַמען מיטן דר. האַנס גלאָבקע האָבן געשפּילט אין דער סט. לואיס טראַגעדיע.

דער פֿילם האָט אויפֿגעלעבט דעם שוידערלעכן חורבן־פּראָלאָג, מיט די וואַנדערנדיקע שיפֿן אויף שבֿעה ימים, אין אַן אומברחמנותדיקער וועלט.

וואָס דער פֿילם האָט אָבער נישט דערציילט — זענען די טענות צו די ײִדישע הילף־געזעלשאַפֿטן פֿון די ײִדישע פּליטים דאַן, און גאָר באַזונדערס שפּעטער — צו די פֿירערס פֿון אַמעריקאַנער ײִדנטום, ריכטיקער: צום ייִדישן „עסטאַבלישמענט".

י. קאַהאַן

---

די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון „קדימה" (דעם 22טן מערץ ה. י.) האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט פֿון 21 פּערזאָן, וועלכער האָט זיך קאָנסטיטואירט אויף פֿאָלגנדן אופֿן:

פּרעזידענט: ב. ווינער; וויצע־פּרעזידענטן: י. אָרבאַך; י. מ. לעווין; ערן־סעקרעטאַר: פּ. רינגעלבלום; ערן־קאַסיר: פּ. קרישטאַל; געהילף: הדסה ראָזענבוים; פֿאָרזיצער פֿון קאָמיסיעס: קולטור — יאַשאַ שער; קאָנטראָל: ח. בראַון; רעד. „מעלבורנער בלעטער": מ. אײַזענבוד; ביבליאָטעק: וו. יאַבלאָנסקי.

פֿאָרשטער: צום שאַך־קלוב: מ. טאָפּיאָל; צום „הזמיר"־כאָר: מ. ראַבינאָוויטש.

ש. גאָלדשטיין — געוועזענער פּרעזידענט.

יצחק קאַהאַן

# ערב חורבן — אַן אומברחמנותדיקע וועלט!

בעת מיין לעצטער רייזע איבער דער וועלט, איז מיר אויפן וועג אויסגעקומען צו זען אַ צווייטן מאָל דעם פילם „די רייזע פון די פארמשפטע". מיר דערמאָנען זיך, ביים קוקן אויפן פילם, די טראַגישע עפּאָפּייע פון אַ גרויסער צאָל ייִדיש־דייטשע פליטים, וואָס זענען געפאָרן קיין קובאַ, אויף דער שיף „סעינט לואיס" עטלעכע חדשים פאַרן אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג.

עס איז געווען אַ לוקסוס־שיף, מיט פּלאַץ פאר אַ 500 פּאַסאַזשירן, אָבער ווען זי איז אָפּגעשווומען פון האַמבורג, דעם 4טן מאי 1939, האָט זי געהאַט אַ טאָפּלטע צאָל פּאַסאַזשירן. עס זענען דאַן מיטגעפאָרן ייִדיש־דייטשע פליטים, וואָס האָבן זיך פאַרשאַפט פאר גוט געלט — וויזעס קיין קובאַ.

נישט די מאַנשאַפט פון דער שיף און נישט די פליטים האָבן געוווּסט, אַז די קובאַנער רעגירונג האָט פּלוצלינג אַנולירט די וויזעס. אויך דער קאַפּיטאַן האָט נישט געוווּסט די סיבה, פארוואָס די שיף איז עפּעס פאַרהאַלטן געוואָרן אין האַמבורג און שווימט נישט אָפּ צו דער באַשטימטער צייט. מען האָט אויסבאַהאַלטן פאר אים די פאַרהאַנדלונגען, וואָס זענען דאַן אָנגעגאַנגען צווישן דעם עמיגראַציע־דעפּאַרטמענט ביי דער געסטאַפּאָ, אונטער דער אָנפירונג פון אַדאָלף אייכמאַן מיט דער קובאַנער רעגירונג. וויסנדיק פון דער אַנולירונג, האָט ער מיט אַ טייוולאַנישער כוונה באַפוילן צו לאָזן אָפּשווימען די שיף קיין קובאַ, בכדי די וועלט זאָל זען, אז קיינער וויל די ייִדן נישט אריינלאָזן צו זיך... ער האָט פון פאָרויס געשעפּט נחת פון דעם בילד, ווי מען שיקט די פליטים צוריק פון די קובאַנער ברעגעס. פאָטאָגראַפן וועלן זיין אויפן שיף עס צו פאָטאָגראַפירן. ס'וועט זיין מיט וואָס צו אַמוזירן זיך...

איך קוק אויפן פילם, וואָס איז באַזירט אויף אַ בוך פון צוויי מחברים: גאָרדאָן טאָמאַס און מאַקס מאָרגאַן וויטס, און זע ווי די פּאַסאַזשירן פילן זיך אזוי גליקלעך ביים פאַרלאָזן דעם האַפן פון האַמבורג. עס שיינען די ייִדישער פּנימער מיט פרייד: ענדלעך איז זיי געלונגען צו ראַטעווען זיך פון די נאַצישע נעגל און מ'וועט אָנהייבן אַ ניי לעבן אין קובאַ.

ניט אַלע זענען אַזוי אָפּטימיסטיש, אַז אַלץ וועט טאַקע צוגיין אזוי גלאַטיק. פאַראַן פּעסימיסטן, צווייפלערס, אַז אין דער לעצטער מינוט קען געשען א מכשול, אַ גזירה, און מען וועט זיי נישט אריינלאָזן. עס מאַטערט זיי אַ שלעכטער פאָרגעפיל, וואָס האָט דאַן געהאַט אַ קאָנקרעטן יסוד: איבער די שבעה ימים זענען ארומגעשוווּמען שיפן מיט הילאָזע ייִדן, וועלכע קיין לאַנד האָט נישט געוואָלט אריינלאָזן צו זיך. די עוואַנער קאָנפערענץ וועגן די פליטים האָט נישט געבראַכט צו קיין ממשודיקע רעזולטאַטן פאר די אַנטלאָפענע, פאַרפאָלגטע הימלאָזע פליטים.

איך קוק אויפן עקראַן, מיין געדאַנק איז אָבער ביי בערגנערס בוך „צווישן הימל און וואַסער", אין וועלכן ער שילדערט די זעלבע טראַגעדיע פון אַ וואַנדערנדיקער שיף מיט ייִדישע פליטים.

די סילועטן פון די טיפן און געשטאַלטן ביי בערגנערן, מישן זיך אויס מיט די פון דער שיף סעינט לואיס. דער סוזשעט (ביי בערגנערן) איז דאָך אזוי אויטענטיש און איז באַזירט אויף רעאַלע פאַקטן, מיט אַן ענלעכן הינטערגרונט. דער פינאַל איז אַן אַנדערער.

די שיף ביי בערגנערן, ווי באַוווּסט, רופט זיך איבער מיט דער טראַגישער שיף פּאַטריאַ, וואָס איז געוואָרן אַ קבר־שיף—צוליב דער עקספּלאָזיע פון דער שיף — נאָך דעם ווי איר קאַפּיטאַן האָט איינגעזען, אַז קיין שום יבשה, וועט נישט צולאָזן צו זיך די שיף. זיין אויסוועג איז: — דער ים־אָפּרונט!

אָט דעם שוידערלעכן טראַגישן פינאַל פאַר די ייִדישע פליטים פון בערגנערס דערציילונג זע איך פאַר די אויגן כסדר ביים קוקן דאָ אויפן פילם, הגם, איך ווייס דאָך, אַז דער פינאַל איז דאָ נישט אַזאַ טראַגישער ווי ביי דער „פּאַטריאַ". אָבער עס פעלן דאָ אויך נישט קיין טראַגישע מאָמענטן, וואָס צענעמען דעם צושויער.

און נאָך אַן אונטערשיד איז דאָ: בערגנער דערציילט וועגן ייִדן, וואָס געהערן צו אונדזער היימישער וועלט, — ייִדן פאָלקסטימלעכע, ארויסגענומען פון דער ייִדיש־פּוילישער לאַנדשאַפט. די מענטשן זענען אונדז נאָענט, מיר קענען זיי גוט. אויך די שיף אויף וועלכער זיי פאָרן איז פול געפּאַקט מיט מענטשן און זי איז לגמרי נישט ענלעך צו דער לוקסוס־שיף אויף וועלכער עס פאָרן איצט די ייִדישע פליטים פון דייטשלאַנד, אַסימילירטע ייִדן, וואָס פלעגן זיך האַלטן פאר דייטשן פון משהס גלויבן. און ווי קען מען פאַרגלייך אָט די רחבות אויף דער שיף — אפילו ביי איר איצטיקער טאָפּלטער צאָל פּאַסאַזשירן, מיט בערגנערס מולטער־שיף?! דאָ איז אַן אָרקעסטער, וואָס פאַרווילט דעם עולם מיט טאַנץ־מוזיק, ס'איז אזוי פריילעך דער געמיט — ס'זאָל זיין חי־געלעבט!

וואָס נענטער די שיף קומט צו די ברעגעס פון האַוואַנאַ, אַלץ שטאַרקער די פרייד, די דערוואַרטונג: ענדלעך אָנגעקומען צו אַ זיכערן ברעג. ארויסגעראַטעוועט זיך פון נאַצישן דייטשלאַנד־גהינום, פון בערלין, צי פון ווין.

דערמאָנענדיק ווין, זע איך דאָס בילדל, ווי אַ ייִדישע פרוי זינגט אַ נאָסטאַלגיש ליד (בעת אַ פאַרווילונג דורך געזאַנג און טענץ, ווו זי גיסט אויס איר בענקשאַפט צו ווין, וואָס איז שוין דאַן געווען אונטערן נאַצישן שטיוול). זעסט, ווי איר זינגען רופט ארויס פייכטע אויגן ביי די צוהערערס, וואָס דערמאָנען זיך פון דער היימשטאָט פאַרן מבול...

איך קוק אויף צוויי דייטשן, וואָס שמועסן צווישן זיך: „מען טרייבט זיי פון דייטשלאַנד און זיי, וויינען און בענקען" — זאָגט איינער. איך ווייס נישט וואָס ער טראַכט

זעגנט מיטן טראדיציאנעלן „שלום״, וואס זיי האבן זיך דא אויסגעלערנט בעת זייערע באזוכן אין די קיבוצים.

צווישן חדרה און פתח־תקוה האבן מיר אנגעטראפן אויף סימנים, ווי אזוי די עוואקואירנדיקע סאלדאטן האבן זיך „געזעגנט״ מיטן לאנד. דא זענען געליגן אין פארוויסטונג פרדסים.ביימער מיט די ווארצלען אויסגעריסן, און נאקעטע אפגעבראכענע צווייגן. איבער אלעם איז געהאנגען א שווייגנדיקער בלויער הימל, און די זון, א גאלדיקצעשמייכלטע האט אראפגעקוקט, און ווי אנגעזאגט, אז יידישע הענט וועלן ווידער פארריכטן, דאס וואס דעם שונא׳ס האנט האט פארוויסט.

די תל־אביבער גאסן זענען אונדז אקעגנגעלאפן ברייטצעשיינע, מער ליכטיקע ווי אן אנדערש מאל. פון יעדנס פנים האט מען געקאנט אראפלייענען די ערנסטקייט פון דער שעה.

די באוועגונג איז געווען א פארהעלטנישמעסיק קלענערע. ס׳האבן זיך געזען ווייניקער דורכגייער, אזוי ווי אלע וואלטן געווען זייער באשעפטיקט, אדער האבן פארלאזט די שטאט.

די גאסן און די הייזער האבן זיך געבאדן אין הימלבלויקייט און ווי זיך טובל־געווען צו דער גרויסער היסטארישער פייערלעכקייט.

איבער די הייזער פלאטערן בלוי־ווייסע פענער. און א ביסל שפעטער, ווערט די גאסן־באוועגונג נאך קלענער און ארום ווערט שטילער.

די צייטונגס־קאלפארטערן רופן אויס זייערע נאכמיטאג־אויסגאבעס מיט איינגעהאלטענע אויסגעשרייען. באלד הערט זיך פון איבער די דעכער א רוישן פון עראפלאנען. דאס פליען יידישע „אווירונים״ און ווארפן פלוג־בלעטלעך. פון הימל פאלן די פלאטערנדיקע ווייסע צעטלעך, אזוי ווי קאנפעטי, וואס באשיטן „חתן־כלה״ — דאס אויסדערוויילטע תל־אביב. קעפ הויבן זיך צום הימל מיט דאנקבארקייט צו די קליינע ישראל־עראפלאנען. אויגן זענען צעשטראלט און מיט א געפיל פון דערהויבנקייט, פאלגט מען נאך די ווייסע צעטלען וואס זעגלען פון הימל ווי ווייסע טויבן.

אדאנק ׳קול ישראל׳־ראדיא האט דער גאנצער ישוב מיטגעלעבט דעם גרויסן היסטארישן מאמענט פון פראקלאמירן די יידישע מדינה.

אין די פארוואָרפנסטע ווינקעלעך פון לאנד, אין די טראנשייען, אויף די וואך־פאסטנס, איז מען געשטאנען מיט אויפגעשפיצטע אויערן און זיך צוגעהערט צו יעדן רויש און קלאנג, וואס איז געקומען פון בנין פון מוזעאום אויף שתדרות רוטשילד. נאך די פייערלעכע ווערטער פון ערשטן פרעמיער פון דער מדינה איז געקומען די קלינגענדיקע שטימע פון הרב פישמאן מיט דער תפילה „שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה...״ און אלץ איז געבליבן שטיין פארגליווערט אויף די ערטער אין דער דערהויבנקייט פון דער גרויסער היסטארישער שעה.

ס׳זענען אבער נישט געקומען צו קיין ספאנטאנע אויסגעשרייען, אזוי ווי מיר האבן דאס בייגעווינט אויף די זעלבע תל־אביבער גאסן, יענעם אויפדערנאכט פון 29טן נאוועמבער 1947, ווען די יונ״א האט באוויליקט צוטיילן די יידן אן אייגענע מדינה.

דער מאמענט איז געווען צו ערנסט. מ׳האט אינסטינקטיוו געפילט, אז עפעס נישט אויסגעלאדנטס הענגט דראענדיק אין דער לופט.

און ווען דער ארקעסטער האט געגעבן די ערשטע קלאנגען פון „התקוה״ האבן הונדערטער טויזנטער קולות מיט אן אינערלעכן נשמה־אויפברויז אויסגעזונגען דעם יידישן הימן, און צום ערשטן מאל אין לעבן דערפילט דעם טעם און באדייט פון די ווערטער.

און אזוי איז צוגעפאלן בין־השמשות, ערב שבת. און מ׳האט זיך געזעצט צו די שבתדיקע געדעקטע טישן. און קיינער האט זיך נישט געגלויבט, אז די פראקלאמאציע פון דער מדינה איז געשען אויף דער וואר, און מ׳איז זוכה געווען צו זיין אן עדות פון דעם געבורט פון דער אויסגעטרוימטער מדינה.

באלד איז געקומען דיווירקלעכקייט.

סירענעס האבן זיך צעשריען מיט א וואָרנדיקן וואיען. איבער די פארטונקלטע הימלען האט זיך געהערט דאס פארטייעטע רוישן פון מצרישע עראפלאנען. די שטאט איז נאך געשלאפן און באלד זענען געפאלן די ערשטע מערדערישע מאמבעס.

תל־אביב האט אויפגעוואכט צו דער גרויסער ווירקלעכקייט. דאס זענען געווען די לעצטע געבורט־ווייען פון דער מדינה.

עטלעכע הייזער זענען געלעגן אין חורבות און צווישן זייערע טליענדיקע ווענט, די ערשטע קרבנות, אין ערשטן טאג פון דער וואָרהאפטער מדינת־ישראל.

ג. שאיאק

אסיה בארי

## דאָס יידישע פאָלק

פון דורות און דורות עס ציט זיך
א קייט פון מענטשלעכער קראפט,
פון וויסן, פון חכמה און שאפן
פון צרות — א סך דורכגעמאכט.

א פאלק — נישטא אים זיין גלייכן
מיט שפראכן גערעדט אן א צאל,
נאר איינע דער בינדיקער צייכן
פון דעם היינט מיט דעם ווייטן אמאל.

יידיש דעם וועג אונדז באליכטיקט
צו מארגנס וועלכע קומען נאך מארגן,
מיט פרייד און האפענונג צעווינטיקט
נאך מארגנס — באפרייטע פון זארגן.

פון דער קריגס־שיף „יוריילעס״ זענען פון אַלע רעגירונגס־געביידעס ארונטערגעצויגן געוואָרן די „יוניאָן־דזשעק״ פענער פון גרויס־בריטאַניע און באַלד זענען אויף די זעלבע מאַסטביימער ארויפגעצויגן געוואָרן די בלוי־ווייסע קאָליר.

איך האָב באַשלאָסן זיך לאָזן מיט אַ טעקסי קיין תל־אביב, כדי בייצוזיין די היסטאָרישע פּייערונג פון פּראָקלאַמירן די מדינה. אָבער נישט גרינג איז אָנגעקומען יענעם טאָג צו קריגן אַ בראַווען יידישן שאָפער, וואָס זאָל גרייט זיין צו ריזיקירן אַזאַ אונטערנעמונג.

דער פּאָרט, די הויפּט־אַרטעריע, די קינגסוויי־גאַס און די ארומיקע גאַסן זענען געווען געדיכט באַזעצט מיט מיליטער און קריגס־מכשירים. עס האָבן אומאויפהערלעך געשטראָמט בריטישע רעגימענטן אין זייערע פּאַראַד־מונדירונג באַגלייט פון שווערע קראָמוויל־טאַנקן. צווייגאָרנדיקע שערמאַנס מיט פאַרמאַסקירטע לופעס. זייער באַוועגן זיך האָט מיט אַ שווערן גרילצנדיקן רעש אָפּגעהילכט אין דער האַלב־צעשטערטער און רואינירטער סביבה פון אונטערשטן טייל שטאָט. איבערבלייבענישן פון די בלוטיקע שלאַכטן, ווען די יידישע כוחות האָבן פאַרטריבן די אַראַבישע כנופיות פון דער יידישער פּאָרטשטאָט.

איצט, זענען דאָ געשטאַנען אויף די קרייץ־וועגן יידישע „נישט־מונדירטע״ פּאָליציי און געהאָלפן רעגולירן די ראָד־באַוועגונג, ביים פאַרלאָזן דעם ישראל־באָדן פון די בריטישע חיילות. אין די דאָזיקע שעהן זענען אַלע געווען גלייכע מיט גלייכע... און מיליטערישע אָרקעסטערס האָבן געשפּילט מיליטערישע מאַרשן... די לעצטע קלאַנגען פון פרעמדע מיליטערישע אָרקעסטערס. פילם־אַפּאַראַטן האָבן נאָכאַנאַנד פאַראייביקט דעם היסטאָרישן מאָמענט.

די בריטישע עוואַקואַציע איז געווען אין פולן גאַנג.

פון ערראָפּלאַן־טרעגער האָבן זיך אויפגעהויבן 24 ספּיטפייטערס און געקרייזט איבערן „יריילעס״, אויף וועמענס דעק עס איז געשטאַנען דער גענ. הויך־קאָמיסאַר. זיין בליק מיט זיינע פּאַר קיינעם־נישט־אַנטפּלעקטע רעיונות, געווענדעט צום פּרעכטיקן אויסבליק פון הר־הכרמל.

באַלד האָבן זיך דערהערט פיר האַרמאַטן־שאָסן, וואָס האָבן אָפּגעשלאָסן דאָס קאַפּיטל בריטישע הערשאַפט אין ארץ־ישראל.

די צעשוימטע ים־כוואַליעס פון ים־התיכון, האָבן פרייַלעכער געפּאַטשט מיט זייערע שוימיקע ליפּן צום ברעג און אויסגעזונגען דאָס אייביקע ליד פון די ים־טיפעניש, ברענגענדיק פון דאָרט צוריק נישט איין טרער פון יענע טויזנטער, פאַרפּייניקטע פּליטים, וואָס זענען נאָך לאַנגע וואָגלענישן פון דאַנען צוריק פאַרטריבן געוואָרן דורך די זעלבע בריטישע סאָלדאַטן, אָדער דערטרונקן געוואָרן אינעם אָפּגרונט פונעם ים...

כ׳האָב געפונען אַ שאָפער, וואָס איז גרייט געווען צו מאַכן מיט מיר די נסיעה קיין תל־אביב.

דער וועג אין אַ טעקסי אין יענע פאַרמיטאָג־שעהן, געהערט צו די זעלטן אוממיטלבאַרע און אומפאַרגעסלעכע איבערלעבענישן, איבערהויפּט פאַר איינעם, וואָס האָט דעם וועג דורכגעמאַכט צענדליקער מאָל, און יעדער שטעג און שטיין, יעדער בוים און בערגל איז אים באַקאַנט פון נסיעות אין שלום־טעג, אָדער ווען מ׳האָט געמוזט פאָרן פאַרהאַמערט אין געפּאַנצערטע קליינע אויטאָבוסן, מיט וואָפן אין בוזעם גרייט זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די אַראַבישע כנופיות, וואָס זענען באַפאַלן די יידישע ראָד־באַוועגונג צווישן חיפה—תל־אביב. די דאָזיקע נסיעות פלעגן פאָרקומען מיט איבערשטייגונגען, ביז אין שכנות פון חדרה, ווו מ׳איז איבערגעשטיגן אין נאָרמאַלע אויטאָבוסן און פאָרגעזעצט די רייזע.

דעם טאָג, ה׳ אייר, דעם 14טן מאַי 1948, איז די צווישנשטאָטישע ראָד־באַוועגונג אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן. מ׳האָט נאָר געקאָנט פאָרן אויף אייגענע אחריות.

מ׳האָט פאָראויסגעזען אומפאַרמיידלעכע אינצידענטן און דער חשד איז געווען באַגרינדעט, אַז נישט ווייניק בריטישע סאָלדאַטן וועלן אויסנוצן אומבאַשטראָפט די לעצט־מינוטיקע געלעגנהייט... און אַ פאַקט, נישט ווייניק יידישע קרבנות זענען שפּעטער אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטעלער...

מיין שאָפער איז געווען אַן אויסגעפּרוּווטער סאָלדאַט, און געקענט יעדעס גריבעלע און בערגעלע אויפן וועג. דער עיקר, ער איז אויך באַפליגלט געווען מיט רצון בייצוזיין די צערעמאָניע פון פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה.

אויפן גאַנצן וועג ביז תל־אביב, האָבן מיר נישט אָנגעטראָפן אויף קיין איינציקן יידישן, שוין אָפּגערעדט אַראַבישן פּריוואַט־אויטאָ. פאַרשטענדלעך, אַז אַלע מעכאַניזירטע יידישע מאַשינען זענען אַ טאָג פריער מאָביליזירט געוואָרן, און אַ נאַכט פריער האָבן זיי צוגעפירט פלמ״ח־גרופּן צו די וויכטיקסטע פראָנט־ליניעס, ווו מ׳האָט דערוואַרט אַראַבישע איבערפאַלן.

ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז מ׳האָט זיך געקאָנט דורכרייסן מיט אונדזער טעקסי דורך די מיליטערישע דראָטפאַרצוימונגען פון אונטערשטן טייל חיפה, ביז צום הויפּט־שאָסיי. דאָ זענען מיר ווידער עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן און זיך אָנגעטראָפן מיט בייזע בליקן פון מיליטערלייט. נישט איין סאָלדאַט האָט אויפגעהויבן אַ דראָענדיקע ביקס אין אונדזער ריכטונג.

דאָ, אויפן הויפּט־שאָסיי, זענען ביידע זייטן וועגן ווידער פאַרשטעלט געווען. די ראָד־באַוועגונג איז געגאַנגען אין איין ריכטונג — חיפה... דאָ האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף מיליטער־איינהייטן וואָס זענען געקומען פון דרום אין לאַנד און פון ירושלים, באַגלייט פון בלוי־מונדירטע פּאָליציי־לייט, ראַדיאָ־סטאַנציעס און כלי־משחות, וואָס האָט געשטראָמט פון באר־שבע און פון די גרענעצן ביי מצרים.

ווען מיר האָבן ענדלעך דערגרייכט שרון און אירע באַגרינטע טאָלעכלעך, געקומען נענטער צו חדרה, זענען די מיליטער־איינהייטן וואָס האָבן געצויגן אויף צפון געוואָרן שיטערער. דאָ האָבן איינציקע בריטישע סאָלדאַטן שוין גוטמוטיק באַוועגט מיט זייערע הענט און אונדז גע־

ג. שאַיאַק

# אין היסטאָרישן טאָג

### (דעראינערונגען צום 30־טן יאָרטאָג פון פּראָקלאַמירן די ייִדישע מדינה)

„...בדם ואש נפלה יהודה ובדם ואש יהודה תקום!"

מיר שטייען אויף דער שוועל פון 30־טן יאָרטאָג פון דעם אויפקום פון דער ייִדישער מדינה. ווען מיר כאַפּן אַ בליק אין רעטראָספּעקט, פרעגט זיך: וואָס האָט אַלץ נישט איבערגעלעבט אונדזער דור אין משך פון דעם צייט־אָפּשניט?

אויסשטראַלנדיקע מאָמענטן, פון מאַראַלישער דער־הויבנקייט, התלהבות, השתפּחות הלב און נישט ווייניק האַרצקלעמעניש און התערותא־דלעילה...

געווען אויך מאָמענטן, ווען די בלינדע מיט שנאה־געפּאַנצערטע, גויאישע וועלט, האָט אויף א רגע ווי פאַר־גאַפּט געקוקט מיט באַוווּנדערונג אויף די ייִדישע דער־גרייכונגען און אפילו צוגעטיילט די ייִדישע מדינה קאָמ־פּלימענטן, אָבער באַלד צומאַרגנס זיי פאַרגעסן...

די תקופה פון די פעטע, פעטרא־דאָלאַרן האָט די זעלבע וועלט צוריק בלינד געמאַכט און געהאָלפן אויס־האָדעווען דאָס געשפּענסט פון טעראָריסטן... אַ געשפּענסט, וואָס ווערגט איר איצט אַליין און צעטרייסלט אירע אייגענע פונדאַמענטן.

וואַשינגטאָן האָט לעצטנס זיך געלאָזט אינגאַנצן פאַר־וועבן אין דער נעץ פון אַראַבישע אינטריגעס און דעם ריח פון פעסלעך אַראַבישן אייל, און פאַר דעם פּריז וויל זי איצט לייגן אויף דער עקדה די זיכערקייט פון דער ייִדישער מדינה.

לאָמיר אויף א רגע צוריקדרייען דעם זייגער פון דער צייט און זיך טיילן מיט איבערלעבענישן, וואָס די צייט האָט זיי נישט פאַרווישט פון זכרון. לאָמיר אויף א רגע אויפהויבן דעם פאַרהאַנג צו יענעם פרייטיק, דעם 14טן מאַי 1948, ווען די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן.

גראָד אין די לעצטע רגעס, ווען די געבורט־ווייען פון דער מדינה זענען געוואָרן הערבאַרער און וויטיקלעכער — אַן אייזערנער פאַקט, געחתמעט פון דער געשיכטע אַליין, איז קיינער נישט פעאיק געווען דאָס תופס צו זיין מיט קלאָרן פאַרשטאַנד. פּשוט דערפאַר, ווייל דער מענטש אינעם ישוב איז צופיל געקרייצט געווען מיט אַ מבול פון אומאויפהערלעכע געשעענישן און דערשיטערונגען פון די לעצטע חדשים.

טראַגישע געשעענישן האָבן דערדריקט דאָס דער־הויבענע געפיל, וואָס האָט געוואָלט אויסשרייען מיט דער גאַנצער קראַפט, די אויסגעטרוימטע בענקעניש, אויף וועלכע עס האָבן געוואַרט זיבעציק דורות...

דאָס כישוף־וואָרט גאולה, איז געוואָרן אַ וואָר... און אַרום זענען געלעגן פאַרוויסטע פעלדער, און פרישע קברים פון די בעסטע זין פון ישוב. און פון הרי־חברון האָט זיך געטראָגן די דערשיטערנדיקע שוואַרצע בשורה, די שוידערלעכע שחיטה פון דאָרטיקן ישוב. און מ'האָט געדאַרפן האָבן דעם איבערמענטשיקן כח פון הערשן איבער זיך און זיך נישט צוזאַמענברעכן און אויסשרייען: בדם ואש נפלה יהודה ובדם ואש יהודה תקום!

די בריטישע מיליטערישע איינהייטן פון דעם מאַנדאַ־טאַרן־מאַכט האָבן פּרעציזיז דורכגעפירט זייערע רעוויזיעס און געזוכט אין די פאַרוואָרפנסטע קיבוצים פאַרשטעקטן געווער; וואָפן אויף צו פאַרטיידיקן זיך קעגן די רוצחישע אַראַבישע איבערפאַלער. דעם וואָפן האָבן די ענגלענדער פריי געגעבן די אַראַבער און זיי איבערגעלאָזט גאַנצע אַרסענאַלן אויף צו קענען איבערפאַלן די ייִדישע מדינה.

ראַשיק זענען אַוועק די ערשטע מאָרגן־שעהן פון ה' אייר תש"ח. איך האָב דעמאָלט געוווינט אין חיפה.

אויפן פלי־פעלד אין דער פּאָרט־שטאָט חיפה איז דע־מאָלט אָנגעקומען פון ירושלים דער לעצטער פון פרעמדע מושלים אויפן ארץ־ישראל באָדן, דער לעצטער הויך־קאָמיסאַר פון דער בריטישער אימפּעריע — סער אלאַן קוניגהעם. שפּעטער, ווי נאָר ער איז אַרויף אויפן דעק

---

נישט קיין סך. עס קלינגט נאָך אין מיר מיין מאַמעס אויסגעשריי ווען מען האָט אויפגעבראָכן די טיר. די מאַמע איז געלעגן אויפן דיל און געקרעכצט. מיט די לעצטע כוחות האָט זי זיך אויפגעשטעלט און געכאַפּט אַן אייזער־נעם שטעקן, וואָס זי האָט אים געהאַלטן גרייט פאַר אַזאַ מינוט. דער אַלטער מאַן האָט געגומען שרייבן שנעל, פיבערהאַפטיק.

— דערציייל, וואָס ווייטער?...

די מאַמע האָט געשריגן מיט אַ קול וואָס כ'האָב קיינ־מאָל ביי איר נישט געהערט.

— מערדער, האָט זי געשריגן — וואָס ווילט איר פון אונדז? האָט איר דען נישט אויך פרויען און קינדער? נישט גענוג אייך איר האָט פאַרשלעפּט מיין מאַן און אויס־געהרגעט אַ האַלבע שטאָט ייִדן, איר ווילט מיין נאָך נישט געבוירן קינד אויך אוועקפטרן?!

זיי האָבן געלאַכט.

— האַנסל, האָט איינער פון זיי זיך געשטיקט מיט געלעכטער, קוק וואָס פאַר א בילד! — אַ בויך מיט אַן אייזערנעם שטעקן! — געדענק עס צו מאָלן! איך וועל עס באַשרייבן...

לאַנג האָט די מאַמע נישט געשריגן, כ'האָב דער־שפּירט כ'וועל פאַרגאָסן מיט מיין מאַמעס בלוט וואָס האָט פון איר צעשטאָכן האַרץ געפּלייצט אומעטום. פּלוצלינג האָב איך דערשפּירט די מאַמעס פאַרמאַכטקייט איז לויז געוואָרן און כ'האָב זיך אַרויסגעגליטשט פון איר לייב. מיט דעם זעלבן מעסער האָבן זיי אויך מיך דורכגעשטאָכן.

מיין מאַמעס בלוט האָט זיך אויסגעמישט מיט מיינעם.
איך בין אַלט געווען אַכט חדשים מיט צוויי וואָכן.

י. מ. לעווין

זאַמען, און עס איז מיר ליב געווען דאָס וואַרעמקייט פון איר לייב.

כ׳בין געוואַקסן גיך. פון די רייד צווישן טאַטע־מאַמע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איך בין שוין מיט מזל זעקס מיט אַ האַלבן חודש אַלט. כ׳האָב נישט אַלץ פאַרשטאַנען וואָס זיי פלעגן רעדן שטילערהייט אין די נעכט. נאָר כ׳האָב געפילט, אַז זיי האָבן מיך ליב. כ׳האָב באַדאַרפט זיין זייער ערשט קינד. צען יאָר האָבן זיי געוואַרט אויף מיר.

## דאָס זענען געווען די שענסטע וואָכן פון מיין לעבן

איך וואַקס. עס צעטראָגט מיך די פרייד פון לעבן. איך ווער שוין באַלד זיבן חדשים און כ׳נעם זיך גרייטן אין וועג אריין צו דעם גרויסן, ברייטן דרויסן ווען פלוצלינג איז עפּעס שלעכטס געשען ארום טאַטע־מאַמע, דעמלט האָב איך נישט געוווּסט און נישט פאַרשטאַנען וואָס איצט פאַרשטיי איך עס יאָ... איך האָב דאָך שוין געזען די וועלט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט געשרייען. מענטשן לויפן, שרייען, וויינען. דער טאַטע כאַפּט די מאַמע און זיי לויפן שנעל ארונטער די טרעפּ. די מאַמע סאָפּעט לויפנדיק מיטן שווערן בויך, דער טאַטע האַלט זי אונטער:

— פריידעלע, זיי פאָרזיכטיק... נאָך אַ טרעפּל... געדענק וועגן קינד... דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערהערט כ׳בין אַ קינד! פאַר פרייד האָב איך זיך געטאָן אַ דריי.

די מאַמע האָט ארויסגעלאָזט אַ שטילן קרעכץ.

אין קעלער האָבן זיי גערעדט נאָך שטילער ווי אין די נעכט, נאָר אַנדערש. די רייד זענען געווען צעשראָקענע און זייער שרעק האָט אויך מיך איבערגעשראָקן. אַ סך מאָל זענען מיר געלאָפן אין קעלער. דורך די ווענט האָבן מיר געהערט ווי עס וואַלט כסדר דונערן אין דרויסן. די מאַמע איז געזעסן אויף דער ערד אַן איינגעקוליעטע און בידע הענט געהאַלטן אויפן בויך. איך האָב זיך באַמיט צו זיין אַזוי שטיל ווי די מאַמע, כ׳האָב זיך געפילט שוואַך. די מאַמע האָט וויניק געגעסן.

— פריידעלע, כ׳וועל אריבערלויפן צום באַלעבאָס. עס איז איצט אביסל שטילער, הערסט? מען שיסט נישט, מען לויפט נישט און מען הערט נישט די געשרייען פון די דייטשן... כ׳וועל נעמען ביי אים די שכירות און באַלד צוריקקומען. דו האָסט דאָך שוין צוויי טעג גאָרנישט געהאַט אין מויל!...

מיין מאַמע האָט זיך צעשריגן:

— משה, גייט נישט!... געדענקסט נישט וואָס זיי האָבן געטאָן מיט אונדזערע שכנים? גיי נישט! איך וועל איבערהאַלטן. געדענק, משהלע, האָט זי זיך ביי אים געבעטן — דאַרפסט ווערן אַ טאַטע — און זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ שטיל העשען.

אַזעלכע סצענעס זענען געווען אַ סך. די מאַמע, אַ הונגעריקע האָט שטיל געוויינט, דעם טאַטנס באַסאָווע שטים האָט באַרואיקט.

— פריידעלע, וועסט זען ס׳וועט איבערגיין... מיר יידן לעבן דאָך אַלעמאָל מיט ניסים. די מאַמע האָט נישט געענטפערט. דער טאַטע האָט געזאָגט תהילים.

✶

איינמאָל צוריק אין שטוב האָב איך געהערט דעם טאַטן רעדן מיט ביטערניש.

— פאַרשפּאַרט אונדז ווי חיות אין אַ שטייג!

— משהלע, עס האָט מיט אונדז געקענט זיין ערגער חלילה, ווייסט דאָך וואָס זיי האָבן געטאָן מיט דיין טאַטן, מיט מיין מאַמען און מיט אַ האַלבער שטאָט יידן. לאָמיר דאַנקען גאָט, אַז מיר לעבן — דו טרייסט דאָך מיך אַלעמאָל: ס׳וועט איבערגיין. אפשר. לאָמיר האָפן.

דאָס מאָל זענען נישט געקומען זיינע טרייסט רייד. די אָנגענעמע באַסאָווע שטימע האָט געזעגט און געזעגט מיט רייסיקן ווייטיק אָן אויפהער.

— זיי זענען דאָך ערגער ווי מענטשנפרעסער. יענע הרגענען ווייל זיי מיינען, אַז אַזוי דאַרף זיין דער סדר פון דער וועלט. די לייט האָבן דאָך געלערנט די עשרת הדיברות פון די מיילער פון די, וועלכע פאַרגעטערן דעם מאַן פון נוצרת, דעם מאַן וואָס איז פול מיט ליבע צו אַלע, אַלע מענטשן. פון זיי איז דאָך ארויסגעקומען אַ געטע און אַ בעטהאָווען, גרויסע גייסטער פון מענטשלעכקייט, פון הומאַניזם.

די מאַמע האָט אריינגעוואָרפן בלויז איין וואָרט:

— אויך היטלער.

איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען.

✶

די מאַמע הונגערט. איך ווער שוואַכער. איך הער נישט מער דעם טאַטנס באַסאָווע שטימע און די מאַמע וויינט אין זיך שטילערהייט.

— וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין מיטן קינד?

נישט איינמאָל האָט די מאַמע געפרעגט דעם טאַטן: משהלע, וואָס וועט זיין? וועלן מיר אומקומען צוזאַמען מיט קינד, חלילה?

אַ ווילע האָט ער געשוויגן. דערנאָך האָט זיין קול געגלעט די מאַמע מיט וואַרעמער טרייסט:

— פריידעלע, אפילו דער ערגסטער מערדער שאַנעוועט אַ שוואַנגער־פרוי. וועסט מיט גאָטס הילף איבערקומען בשלום און אַלץ וועט איבערגיין ווי אַ בייזער חלום. וועסט זען פריידעלע, ס׳וועט נאָך זיין גוט.

די מאַמע רעדט צו זיך: — רבונו של עולם, העלף מיר אין אַן עת צרה, כ׳בין געבליבן אליין, אומבאַהאָלפן, די צייט רוקט אָן, כ׳בין שוין אין האַלבן ניינטן חודש, וואָס וועט זיין?...

האָסט מער גאָרנישט צו דערציילן? אַזעלכע זאַכן האָב איך שוין פאַרשריבן גאַנצע פּעק מיט פּאַפּירן; זע, דאָרט אין ווינקל ליגן זיי.

דער אַלטער מאַן האָט אַ גענעץ געטאָן.

— אפשר געדענקסטו נאָך עפּעס?

י. מ. לעווין

# האַנס, געדענק עס צו מאָלן...

דערציילונג

איך בין אַלט געווען אַכט חדשים מיט צוויי וואָכן, עס האָבן צוגעפּעלט צוויי וואָכן איך זאָל קומען אויף דער וועלט נאָרמאַל ווי אַלע אַנדערע קינדער. געשען איז אַנדערש. מיין מאַמע איז דערהרגעט געוואָרן, איך גלייך נאָך איר.

איך ווייס נישט און קען נישט דערציילן ווי אַזוי כ'בין אַרויס פון מיין גופ'ל, כ'ווייס — איך טאָר דאָס נישט טאָן!

ווען כ'בין באַפרייט געוואָרן פון מיין צעשטאָכן קערפּערל האָב איך געזען זאַכן נישט אַזוי ווי איך האָב עס זיך פאָרגעשטעלט אין דער פּאַרמאַכטקייט פון מיין מוטערס טראַכט. כ'האָב געטראַכט, אַז עס מוז זיין אויסער איר אַ גרויסער, ברייטער דרויסן מיט אַ סך, אַ סך ליכט. די מאַמע האָט זיך דאָך באַוועגט פריי, געגאַנגען פון איין צימער אין אַנדערן, געהויבן זיך אויף טרעפּ, געסאַפּעט דערביי און געקרעכצט.

— שווער דאָס שוואַנגערן אויף דער עלטער...

כ'האָב געזען אַ שטאָט מיט חרובע, פּוסטע גאַסן. שטומע, גלאָצנדיקע פענצטער-לעכער האָבן נישט אַראָפּגעלאָזט אַן אויג פון מיר, און עס איז מיר געוואָרן אומהיימלעך. אומעטום זענען געלעגן טויטע אַזוי ווי מיין מאַמע. הינט און קעץ זענען אַרומגעלאָפן צווישן די חורבות און גענישטערט אין די מיסטן. רייפע פרוכט האָבן געצויגן די צווייגן פון די אויבסטביימער צו דער ערד — און קיינער האָט זיי נישט געריסן. ראָבן זענען געפלויגן נידעריק און שטשורעס האָבן געפרעסן די טויטע גופים. די זון האָט מילד געשיינט און אַלץ באַלויכטן מיט אַ שווידערלעכן גלייכגילט.

כ'האָב געוואָלט אָפּזוכן מיינע עלטערן נאָר איך האָב נישט געוווּסט ווי זיי האָבן אויסגעזען. דעם טאַטן האָב איך נישט געקענט. ווען מען האָט די מאַמע אַדורכגעשטאָכן איז זי געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און כ'האָב זי נישט געזען.

לאַנג האָב איך, אַ טויט קינד, געבלאָנקעט אַ פאַרלוירענעס איבער דעם ברייטן, גרויסן דרויסן פון די לעבעדיקע: איבער פּוסטע גאַסן, איבער פעלד און וואַלד ביז כ'האָב דערזען אין אַ וואַלדשטיבל ליכט. אין שטיבל איז געזעסן אַן אַלטער מאַן און ביי אַ ליכטל געשריבן אויף אַ גרויס פּאַפּיר.

ביי מיין אַריינקומען האָט ער זיך נישט דערשראָקן, כאָטש ער האָט געלעבט און געוווּסט ,אַז איך בין טויט.

— איך האָב געוואַרט אויף דיר. דערציילן, איך וועל פאַרשרייבן.

— ווער ביסטו? — האָב איך געפרעגט.

— ווייסט נישט פאַרשטיין, אָבער כ'וועל דיר אויסזאָגן וואָס קיינער ווייסט נישט:

— כ'בין דאָס געוויסן פון דער וועלט. האָסט פאַרשטאַנען?

— ניין.

— נו, הויב אָן דיין דערציילונג.

— גוט. פריער זאָג מיר — האָסט געהאַט אַ מאַמע?

— יאָ. נאָר נישט אַזאַ ווי דיינע איז געווען.

— אַהאַ. ווי האָט זי געהייסן?

— רציחה.

— מיין מאַמע האָט געהאַט אַ שענערן נאָמען. דער טאַטע האָט זי גערופן „פריידעלע".

— אַזוי, פריידעלע... נו, דערצייל.

— באַלד. ווען ביסטו געבוירן געוואָרן? ביסט עלטער ווי אַכט חדשים און צוויי וואָכן?

— יאָ. איך בין עלטער. געבוירן געוואָרן בין איך ווען קין האָט דערהרגעט הבלען.

— כ'פאַרשטיין נישט. קין לעבט נאָך ביז היינט ווי דו?

— ניין. זיינע קינדס-קינדס קינדער לעבן. זיי האָבן דערהרגעט דיין מאַמע. בעסער דערצייל, איך מוז פאַרשרייבן.

— האָסט געהאַט אַ נאָמען?...

— ניין.

דער אַלטער מאַן האָט געקוקט מיט צודרינגלעכע אויגן — אפשר געדענקסטו עפּעס, דערמאָן זיך!

— כ'געדענק נישט קיין סך. כ'ווייס נאָר, אַז טאַטעמאַמע האָבן מיך גערופן אין אַנהויב „דאָס נפשל".

— דאָס נפשל!... אַזוי גאָר?...

— יאָ, געשען איז עס אַזוי. כ'האָב דערשפּירט עס ווערט מיר ענג אין דער מאַמעס פאַרמאַכטקייט, האָב איך זיך געטאָן אַ דריי. די מאַמע, אַביסל איבערגעשראָקן האָט צוגעלייגט איר האַנט צום בויך און אַ רוף געטאָן:

— משהלע, קום נאָר שנעלער... לייג צו אָט די האַנט, אָט אַזוי. שפּירסט ווי דאָס נפשל וואָרפט זיך? איר קול האָט אָפּגעקלונגען מיט שטילער פרייד.

דערהערט, אַז איך בין אַ נפשל האָב איך אַ ציטער געטאָן — איך לעב!... די מאַמע האָט זיך ווידער אָנגעכאַפּט ביים בויך.

— עס וואָרפט זיך דאָס אביסל...

דער טאַטע האָט גערעדט מיט אַן אָנגענעמער וואַרעמער באַסאָווער שטימע.

— אוודאי אַ יינגעלע.

דאָס רופן מיך „נפשל" איז מיר נישט געווען צום האַרצן. כ'האָב געשפּירט, אַז כ'בין שטאַרק, און ווען כ'וואָלט געקענט וואָלט איך זיך ווי אַמגיכסטן אַרויסגעריסן פון מאַמעס טראַכט. כ'האָב שוין דעמלט געאַנט וועגן דעם גרויסן, גרויסן דרויסן...

איך ווייס נישט ווי אַלט מיין מאַמע איז געווען, אָבער כ'האָב זי ליב געהאַט. כ'האָב זיך געטוליעט צו איר, געאָטעמט צוזאַמען מיט איר, געגעסן האָבן מיר אויך צו-

פון גראָדנער שטאָט־ראַט — רענטשאַשעק. פאַרוואָס די צוויי דעלעגאַטן — יאַן קראַשינסקי און מיין ווייניקייט זענען נישט געווען אויף דער דאָזיקער „אינטעליגענטן־ליסטע״ איז געבליבן אַ רעטעניש.

יולי 1944. דער „קאַראַאימער״ יוסף אָרבאַך — נאָך פאַרשיידענע גלגולים אין די וועלדער און באַהעלטענישן, איז אריינגעפאַלן צוזאַמען מיט אַ צענדליק פּאָלאַקן און ווייסרוסן אין לאַגער בליזשין. ווי איינער, וואָס קען דייטש, פּויליש און רוסיש, ווערט ער באַשטימט אַלס שרייבער פון אַ „שאַנונגס״ בלאָק, וווּ ער דאַרף פאַרשרייבן מיט דער דייטשישער פּינקטלעכקייט די צאָל טיפוס־קראַנקע, יידן און נישט יידן, זייער שטערבלעכקייט; און די צאָל פון צוריק־געזונט־געוואָרענע לאַגערניקעס. אין דעם דאָזיקן חודש הערט זיך שוין אין די שטילע נעכט דער אָפּקלאַנג פון די רוסישע קאַטיושעס און אויך פון די רוסישע באָמבעס, וואָס פאַלן אין די געגנטן פון ווארשע. עס טראָגן זיך אַרום קלאַנגען וועגן עוואַקואירן דעם לאַגער און איניקע לאַגערניקעס פון אַרישן בלאָק האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן פון לאַגער. אויך דער יידישער פריזירער, וואָס האָט געהאַט מער פרייערע באַוועגונג אין לאַגער גופא, האָט באַוויזן צו אַנטלויפן פון לאַגער, האָבנדיק פאַרבינדונגען מיט די פּוילישע פּאַרטיזאַנער וואָס האָבן זיך געפונען אין די וועלדער ארום בליזשין. דער „גוטער״ קאָמענדאַנט פון לאַגער, פריץ העלער לאָזט נישט שיסן דעם „קאַראַאימער״ יוסף אָרבאַכן פאַר העלפן צוויי יידישע לאַגערניקעס אָפּשטאַמיקע פון ראַדאָמער געגנט צום וועלן אַנטלויפן, נישט אויפגעבנדיק די געהעריקע צאָל קראַנקע אין דעם „שאַנונגס״ בלאָק ווו די צוויי געפאַנגענע יידן זענען געווען אלס טיפוס־קראַנקע. דער „גוטער״ קאָמענדאַנט באַגנוגנט זיך מיט די 50 שמיץ אויפן הוילן לייב וואָס דער „קאַראַאימער״ אָרבאַך האָט באַקומען אַלס שטראָף.

און... שוין האַרט פאַר דער עוואַקואַציע פון בליזשינער לאַגער טרעפט זיך — על פּי צופאַל — אין דער וועשעריי פון לאַגער דער אַמאָליקער שילער פון דער יידיש־דייטשישער גימנאַזיע אין האַמבורג יוסף אָרבאַך מיט אַ דייטשן יידישן יונגערמאַן, וואָס זיין אָפּשטאַמונג איז פון אַלטאַנאַ און זיין נאָמען איז טיכאוער. יוסף אָרבאַך קען נישט אַנטפּלעקן זיין ריכטיקע אָפּשטאַמונג צו דעם יונגערמאַן טיכאוער צוליב מורא, אַז אין לאַגער זאָל מען זיך נישט דערוויסן, אַז יוסף אָרבאַך איז אַ „יודע״... יוסף אָרבאַך הערט אויס מיט אַ טיפן ווייטאָג אין האַרצן די געשיכטע פון אַ זון און אַן איניקל, וואָס זיין זיידע און זיין טאַטע האָבן אים געגעבן כל טוב אין יאָר 1922־1923. און מעקס טיכאוער האָט דעם „קאַראַאימער״ מיטלאַגערניק אין דער וועשעריי דערציילט דאָס וואָס צענדליקער טויזנטער יידישע יונגעלייט האָבן געהאַט צו דערציילן אין זייערע „איכה׳ס״! זיין זיידע בערנאַרד ווין איז אין יאָר 1941 אַוועקגעשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג... זיין פאָטער און מוטער זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין דאַכאַו און ער מיט אַ ייִנגערן ברודער האָבן זיך געראַטעוועט על־פּי־נס פון פאַרשיקונג און געוואַנדערט פון אַלטאַנאַ ביז טשענסטאָכאָוו, וויסנדיק, אַז זייערע זיידעס זענען אָפּשטאַמיקע פון טשענסטאָכאָוו. דאָרטן האָט זיי דער טשענסטאָכאָווער יודנראַט געגעבן שטיצע אַזוי לאַנג ביז מען האָט זיי נישט פאַרשיקט אין לאַגער בליזשין. דער ייִנגערער ברודער איז פון אַן אַרבעטס־פּלאַץ אַנטלאָפן און זיך ארומגעוואַלגערט אין וועלדער פון בליזשינער געגנט, נישט קענענדיק די שפּראַך האָבן אים די פּויערים טיילמאָל געגעבן אַביסל שפּייז און טיילמאָל אים פאַריאָגט און דער סוף איז געווען, אַז אין דער ענדע פון יאָר 1943 האָט זיך דער „גוטער״ קאָמענדאַנט געזאָלט באַרימען פאַר זיינע חברים ס.ס.־לייט אין בליזשין, אַז ער האָט מיט זיין אייגענער האַנט דערשאָסן אַ יידיש־דייטשישן ייִנגל, וועלכער האָט דערקלערט, בשעת מען האָט אים געכאַפּט אין אַ וועלדל, אַז ער שטאַמט פון אַלטאַנאַ, פון דער זעלבער שטאָט ווו דער אָבער־שטורם־פירער פריץ העלער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם נאַצישן בירגערמייסטער.

עס איז פאַראַן אַ יידיש פאָלקס־ליד „הלוואי וואָלט דאָס אמת געווען״. איך וואָלט געוואָלט דאָס דאָזיקע פאָלקס־ליד אביסל פאַראַפראַזירן און טרויעריק אויסברומען: הלוואי וואָלט דאָס נישט אמת געווען...

דער קאָמוניסטישער־נאַצישער גדול ערנסט וואַלטער קאָבע, איז דערהרגעט געוואָרן אין מינסק אין 1942 דורך אַן אַטענטאַט, וואָס עס האָט געמאַכט די געליבטע זיינע, אַ געוויסע מאַטושקיעוויטש, וועגן וועלכע די סאָוויעטישע פּרעסע האָט איבערגעגעבן, אַז זי האָט געשטאַמט פון גראָדנע.

דער „גוטער״ קאָמענדאַנט פון לאַגער בליזשין, אָבער־שטורם־פירער פריץ העלער איז באַפרייט געוואָרן אין אַ דייטש געריכט אין יאָר 1947 אין שטוטגאַרט, אַדאַנק די יידישע „פאַרטיידיקונגס״־עדות וואָס זענען געווען אין בליזשין.

פון דער משפחה ווין און טיכאוער איז קיינער נישט לעבן געבליבן, אויסער אַ מיידל, וועלכע איז געבוירן געוואָרן ביי די טיכאוערס נאָך מיין אַוועקפאָרן פון אַלטאַנאַ און זי לעבט אַלס קריסטין אין דער הויפּט־שטאָט בראַזיליאַ. איר קאַריערע אין 1948 איז געווען אַ גרויסע און באַקאַנטע קאַבאַרעט־זינגערין.

יוסף אָרבאַך איז געבליבן דער איין־און־איינציקער פון דער פאַרצווייגטער חסידיש־רבנישע פאַמיליע — די „וווּרקער איניקלעך״ און ער איז מקיים די צוואה פון די אומגעקומענע קדושים וטהורים דורך די נאַצישע מערדער, וועלכע האָבן „מיט בלוט און נישט מיט בליי״ געשריבן אויף די ווענט פון די לאַגערן און טויטן־קאַמערן: „פאַרשרייבט, פאַרשרייבט, פאַרשרייבט!

י. אָרבאַך

מאַזורקעוויטש און דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער אַלגעמיינער פראָפעסיאָנעלער אַרבעטער-באַוועגונג יאַן קראַשינסקי און דערקלערן מיר זייער געהיימניספולער מיסיע.

די פעלד-קאָמענדאַטור אין גראָדנע ווערט ליקווידירט, דערקלערט מיר מיין געוועזענער פוילישער חבר מאַזורקיעוויטש און עס קומען אין קורצן אָן געוויסע געסטאַפאָ-אָפטיילונגען, וועלכע וועלן איבערנעמען די אָרדנונג אין שטאָט, צוזאַמען מיט דער דייטשער „שופאָ" (שוץ-פאָליציי). גראָדנע ווערט איינגעשלאָסן אין ווייסרוסישן גענעראַל-גאָווערנאַמענט און אַלס רייכס-קאָמיסאַר פון דעם דאָזיקן פלאַנירטן „ווייס-רוטעניען" לאַנד, איז באַשטימט געוואָרן דער אַמאָליקער קאָמוניסטישער רייכסטאַג-דעפוטאַט ערנסט-וואַלטער קאָבע. מיר זענען דעריבער געקומען צו אייך — פאַרענדיקט דער פוילישער חבר מיינער יאַן קראַשינסקי — אַז מיר זאָלן צוזאַמען גיין אין אַ דעלעגאַציע צו דעם רייכס-קאָמיסאַר קאָבע און אים בעטן אין נאָמען פון דער גאַנצער גראָדנער באַפעלקערונג — יידישער און נישט-יידישער — אַביסל צו פאַרלייכטערן די נגישות און הפקרותדיקייט מצד „געוויסע עלעמענטן" צו דער איינגעזעסענער באַפעלקערונג אין גראָדנע. ביידע פוילישע חברים האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז קאָבע, דער געוועזענער אַרבעטער-טוער, דער געוועזענער קאָמוניסטישער פאַרלאַמענט-מיטגליד, וועט בעסער אויפנעמען אונדזער בקשה ווי דאָס וואָלט געטאָן א דייטשער מיליטערמאַן אָדער א דייטשער ציווילער פאַרטיי-מאַן. זיי האָבן אויך צוגעגעבן, אַז ס'וועט נישט ברענגען קיין שאָדן, אויב אין דער דעלעגאַציע וועט זיך אויך געפינען אַ ייד, וועלכער איז געווען דער געוועזענער וויצע-פאָרזיצער פון דעם אַלגעמיינעם ראַט פון דער פראָפעסיאָנעלער אַרבעטער-באַוועגונג אין גראָדנע.

דער אומדערוואַרטער באַזוך פון די פוילישע חברים אין דער דאָזיקער פינסטערער צייט, זייער ווילן מיט מיין מיטהילף צו לינדערן די שרעקלעכע לאַגע פון דער גראָדנער באַפעלקערונג און ספעציעל פון דער יידישער, האָט מיך אַביסל צעטומלט און גאָר שטאַרק איז מיין צעטומלעניש געוואָרן, נאָכדעם ווי זיי האָבן דערמאָנט דעם נאָמען קאָבע! עס האָט פלוצלינג געגעבן אַ בליץ אויף אין מיין זכרון די יוגנט-דעמאָנסטראַציע אין האַמבורג אונטער זיין אָנפירונג און אויך האָט דער נאָמען מיר געגעבן אַ טרייסל, דערוויסנדיק זיך, אַז דער דאָזיקער „אידעאַליסט" איז אַריבער פון קאָמוניסטישן לאַגער צו די נאַציסטן. איך האָב זיך געוואַקלט אָנצונעמען זייער פאָרשלאַג, אָבער וויסנדיק גאַנץ גענוי, אַז די פייניקונגען און מערדערייען איבער דער גראָדנער יידישער באַפעלקערונג פאַרגרעסערן זיך פון טאָג צו טאָג, האָב איך געהאַט אַ קליינע האָפנונג, אפשר דאָך, וועט דאָס „געוויסן" פון דעם דאָזיקן אַמאָליקן קאָמוניסטישן אַרבעטער-טוער זיך געבן אַ ריר און אפשר דאָך וועט ער האַלטן פאַר נויטיק אביסל פאַרלייכטערן די יסורים און צרות.

מיט 4 טעג שפעטער איז די אוידיענץ צושטאַנד געקומען. 3 פאָרשטייער, אַמאָליקע טוער אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער און פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין גראָדנע — זענען אריינגעפירט געוואָרן דורך אַ מיליטערישן אַדיוטאַנט אין דעם צימער, ווו עס האָט אַמאָל אַמטירט דער געוועזענער גראָדנער סטאַראָסטע. דער צימער איז געווען באַצירט מיט האַקן-קרייצן און אויך פאַרשיידענע געמעלערייען. דער צוקונפטיקער גענעראַל-גובערנאַטאָר פון „ווייס רוטעניען" וואַלטער ערנסט קאָבע איז זיך געזעסן רואיק אין אַ ברייטן פלושענעם פאָטעל און מיט אַ חוזק בליק באַטראַכט און באַקוקט דער דאָזיקער שטאָט-דעלעגאַציע, וועלכע איז געקומען בעטן געוויסע פאַרלייכטערונגען פאַר דער שטאָטישער באַפעלקערונג יידן און נישט יידן, פון די צרות און יסורים וואָס ס'פאַרשאַפן זיי „געוויסע עלעמענטן..."

מיר האָבן געוואַרט און געשוויגן נישט וועלנדיק אָנהויבן צו רעדן ביז דער „גאַו-לייטער" וועט נישט אָנהויבן עפעס צו פרעגן אָדער עפעס צו זאָגן. די שטילקייט און דאָס שווייגעניש האָט איבערגעריסן יאַן קראַשינסקי מיט אַ לייכטן הוסט און דאָ איז געקומען דאָס אומדערוואַרטעטע: דער געוועזענער קאָמוניסטישער גדול און דער איצטיקער נאַצישער „גאַו-לייטער" האָט זיך געגעבן אַ הויב פון זיין באַקוועמען פאָטעל און מיט דער זעלבער שטאַרקער שטימע מיט דעם „האָך-דויטשישן" דיאַלעקט ארויסגערעדט:

„איר פאָלנישע שווינע, האָט ער אָנגעוויזן מיט זיין האַנט אויף די צוויי פוילישע פאָרשטייער, וועט ווערן אויפגעהאָנגען עפנטלעך ביי דער געבידע פון דעם גראָדנער ראָטהאוז (מאַגיסטראַט) און דעם יודע — נישט אָנווייזנדיק מיט זיין האַנט אויף מיר — וועל איך פערטלען און די טיילן פון זיין קערפער וועל איך אויסלייגן לעבן דער יידישע סינאַגאָגע — הערויס פאָן היר!" — האָט ער מיט אַ ריטשעדיקער שטים געשריגן.

דער אַדיוטאַנט — קאַפיטאַן פון מיליטער, האָט פלינק געגעבן אַן עפן די אַרויסגאַנג-טיר און מיט אַ לייכטן שטויס אונדז אַרויסגעשטופט פון צימער. אַלע דריי האָבן — נישט קוקנדיק איינער אויפן אַנדערן — זיך שנעל געלאָזט לויפן צו די אַרויסגאַנג-טרעפ און מיר זענען זיך צעלאָפן אין פאַרשיידענע זייטן.

די דאָזיקע „אוידיענץ" האָט געהאַט—לויט מיין אויפפאַסונג — פאַטאַלע רעזולטאַטן. מיט צוויי טעג שפעטער האָט די „שופאָ", צוזאַמען מיט ציווילע דייטשע אַגענטן, געמאַכט גרויסע אַרעסטן צווישן דער שטאָטישער אינטעליגענץ — יידישער און און נישט יידישער. פון די קרבנות, פון די דאָזיקע אַרעסטן זענען דערשאָסן געוואָרן: דער גראָדנער רב צבי הירש ראַזאָווסקי, באַקאַנטע צוויי יידישע אַדוואָקאַטן — משה גליקפעלד און רפאל לאבמאַן; אַ באַקאַנטער יידישער לערער און היסטאָריקער — ד"ר חיים וויעליטשקער, דער לאַווניק פון דער פ.פ.ס.-אישער שטאָט-ראַט פראַקציע וואַצלאַוו מאַזורקעוויטש, דער באַקאַנטער ווייסרוסישער טוער אין דער פראָפעסיאָנעלער אַרבעטער-באַוועגונג — אַ קאָמוניסט — גרעגאָר מאַטושקיעוויטש און דער געוועזענער נאָמינירטער פרעזידענט

גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. זייער הויפּט־ציל איז געווען צו פּראָוואָצירן צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליצײַ. אַ יאָר שפּעטער פון זיין קומען קיין האַמבורג (אין 1923), האָט דער יונגער שילער פון סאָסנאָוויץ גענומען אָנטייל אין אַ יוגנט־דעמאָנסטראַציע אויף דער „רעפּערבאַן" (צו יענער צייט אַ גוט באַקאַנטער גרויסער אַרבעטער־ראַיאָן), וועלכע איז געוואָרן אָנגעפירט דורך אַ קאָמוניסטישן פּראָפעסיאָנאַל מיטן נאָמען ערנסט־וואַלטער קאָבע, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די קאָמוניסטישע גדולים אין דער קאָמוניסטישער פראַקציע פון דייטשישן פּאַרלאַמענט.

קאָבע האָט אויף דער דאָזיקער יוגנט־דעמאָנסטראַציע גערעדט וועגן דער גרויסער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און גערופן דעם דייטשישן אַרבעטער־קלאַס נאָכצוטאָן דעם רוסישן ביישפּיל.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך זיין רעדע און נאָך די רעדעס פון אַנדערע קאָמוניסטישע יוגנט־טוער האָט זיך פאָרמירט אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע מיט געזאַנג און אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע אויסגעשרייען. די פּאָליצײַ האָט זיך געהאַלטן רואיק, אַזוי לאַנג ווי די דעמאָנסטראַציע איז געווען אין אירע נאָרמאַלע ראַמען, אָבער וואַרשיינלעך, האָבן זיך אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס — לויטן איינגעשטעלטן נוסח — געדאַרפט פאַרענדיקן מיט שלעגערייען און די הויפּט־זאַך: זיך צוזאַמענשטויסן מיט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונגס־היטער. אַזאַ געלעגנהייט איז אונטערגעקומען און ווען איינקע דעמאָנסטראַנטן האָבן גענומען וואַרפן פלעשער און שטיינער אויף דער פּאָליצײַ—האָט די פּאָליצײַ די דעמאָנסטראַציע צעטריבן און אויך געמאַכט צענדליקע אַרעסטן. צווישן די אַרעסטירטע האָט זיך אויך געפונען דער 16־יאָריקער שילער פון דער יידיש־דייטשישער גימנאַזיע אין האַמבורג, יוסף אָרבאַך פון סאָסנאָוויץ, וועלכער איז געקומען קיין האַמבורג אָן וועלכע נישט איז דערלויבעניש מצד דער דייטשער רעגירונג אָדער פון דעם האַמבורגער סענאַט.

דער רעזולטאַט: נאָך אַ גוטע מטבע — געגעבן דורך מיינע גאַסטגעבער פון אַלטאָנאַ — ברוך ווײַנרייך און קורט טיכאוער — דעם פּאָליצײַ־קאָמיסאַר פון דער פרייַ־שטאָט האַמבורג, בין איך באַפרייט געוואָרן דעם זעלבן טאָג פון תפיסה און געדאַרפט אָפּפאָרן ווי אַמשנעלסטן פון האַמבורג — צוריק אין מיין וווין־שטאָט סאָסנאָוויץ. איך בין דורך מיינע באַקאַנטע באַזאָרגט געוואָרן מיט די געהעריקע פּאַפּירן און אויך האָבן זיי מיטגעשיקט אַ ספּעציעלן באַגלייטער ביז בערלין, ווו איך האָב געדאַרפט איבערגעגעבן ווערן צו אַ בן־עיר, וועלכער האָט געדאַרפט מיך באַגלייטן ביז קאַטאָוויץ און פון דאָרטן מיך אומלעגאַל אַריבערפירן קיין סאָסנאָוויץ. מיין בן־עיר אין בערלין איז געווען לאָזער פראמער — דער ברודער פון דעם לובלינער ראש־ישיבה — ר' אריה צבי פראמער — וועלכער האָט אויסגעפירט זיין מיסיע — פון בערלין ביז קאַטאָוויץ און דאָס אריבערגיין אומלעגאַל די גרענעץ ביז סאָסנאָוויץ — מיט דער פּולער פאַראַנטוואָרטלעכייט. אין יאָר 1923 בין איך טאַקע צוריקגעקומען אין מיין געבוירן־שטאָט, פאַרענדיקנדיק די גימנאַזיע־קאַריערע סיי פון דער בענדינער „יבנה" און סיי פון דער יידיש־דייטשישער גימנאַזיע אין האַמבורג.

✶

גראָדנע, ענדע יולי־חודש 1941. מיין קאַריערע אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און אויך אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־טוער אין דער יידישער און נישט יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין גראָדנע האָט זיך פאַרענדיקט אין סעפּטעמבער 1939, ווען די אַרמייען פון די צוויי שותפים — היטלער און סטאַלין — האָבן אריינמאַרשירט קיין פּוילן, בכדי געמיינזאַם אָפּצוווישן און פאַרניכטן דעם 1000־יאָריקן פּויליש־יידישן ישוב „פּה־לין". די יסורים און פּיין פון גראָדנער יידישן ישוב האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן און טאַקע אין דעם דאָזיקן חודש יולי 1941, אַ חודש נאָכדעם ווי די דייטשע היטלעריסטישע האָרדעס זענען אריין קיין גראָדנע — איז די שטימונג צווישן דער גראָדנער יידישער באַפעלקערונג געווען אַ דעפּרעמירנדיקע און די טעגלעכע טרויעריקע ידיעות וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט, האָבן פּשוט דעם מוח צעלעכערט. איך אַרבעט אַלס איבערזעצער ביי דער דייטשער מיליטערישער קאָמאַנדאָ און קוק זיך צו צי די סאַדיסטישע און מערדערישע מיטלען, וואָס די דייטשישע מיליטערלייט באַנוצן לגבי די טויזנטער רוסישע געפאַנגענע, וועלכע מען האָט אריינגעפּאַקט אויף דעם גרויסן איבונגס־פּלאַץ פון דעם אַמאָליקן 76־טן פּוילישן פּולק, וועלכער האָט סטאַציאָנירט אין גראָדנע. די דאָזיקע געפאַנגענע באַקומען נישט קיין וואַסער און נישט קיין ברויט אין משך פון 3 טעג און נאָך די דאָזיקע אויסהונגערונגס און פאַרשמאַכטע טעג, וואַרפט מען זיי צו עטלעכע צענדליק לעבלעך ברויט און ס'ווערן אויך אוועקגעשטעלט עטלעכע צענדליק צעבערס מיט וואַסער. פאַרשטייט זיך: צענדליקע דערהאַרגעטע און שווער פאַרוווּנדעטע זענען אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער סאַדיסטישער און מערדערישער שפּיל. דער אַלגעמיינער מצב ביי דער נישט יידישער און סיי ביי דער יידישער באַפעלקערונג איז אַ געדריקטער. ספּעציעל ביי דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע לעבט אין טויט־שרעק פון די נגישות און צרות, וואָס פאַרשאַפן זיי די דייטשע מיליטערלייט און אויך די ציווילע דייטשן מיט זייערע מיטהעלפער, די פּוילישע שמאַלצאָווניקעס. די געסטאַפּאָ איז נאָך נישט אריינגעקומען, אָבער דאָס שיסן צו אומשולדיקע מענטשן — פרויען און מענער, יידן און נישט יידן דורך די דייטשן און זייערע יוצר־משרתים, איבערפאַלן און סתם מאָרדן אין די יידישע הייזער מערן זיך פון טאָג צו טאָג און לית דין ולית דיין.

אין דעם דאָזיקן חודש יולי, אין אַ זונטיקדיקן אָוונט — קיין געטאָ איז נאָך אין גראָדנע נישט געווען — האָבן זיך אין מיין וווינונג, אויף ווילענסקע גאַס, אריינגעשלייכט צוויי מיינע באַקאַנטע, געוועזענע פאַרשטייער פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג אין גראָדנע, דער פּ.פּ.ס.־אישער לאַווניק פון גראָדנער שטאָט־ראַט וואַצלאַוו

י. אָרבּאַך

# צווײ באַגעגענישן...

### פון דער גרויליקער פאַרגאַנגענהײט

אין 1922 האָט דער אַלעקסאַנדער רבי געדראָט דעם וווּרקער רבינס שוואָגער ר' שמחה בונם אָרבאַך, אַז זײן זון יוסף, וועט פאַרמשפּט ווערן אויף כרת, אויב ער וועט נישט פאַרלאָזן די „אַפּיקורסישע" גימנאַזיע „יבנה" אין בענדין, ווו דער שילער יוסף אָרבאַך האָט זיך געלערנט. און הגם די ייִדישע פּרעסע אין וואַרשע מיט דעם היסטאָריקער ד״ר עזריאל נתן פרענק האָבן וועגן דעם דאָזיקן מיטלאַלטערלעכן „כרת" סקאַנדאַל אויפגעהויבן אַ גאַר גרויסן טומל — האָט דער 15־יאָריקער שילער פאַרלאָזן די „יבנה" גימנאַזיע און אַדאַנק די באַקאַנטשאַפטן פון זײן פאַרצווײגטער חסידיש־רבישער משפּחה, איז ער אַנגענומען געוואָרן אין דער דעמאָלט גוט באַקאַנטער דײטשיש־ייִדישע גימנאַזיע אין האַמבורג, וועלכע האָט געהאַט אַ נאָמען אויך אין דער אָרטאָדאָקסישער וועלט, אין פּוילן.

די באַקאַנטשאַפטן האָבן אויך באַווירקט, אַז אַן אַנגעזעענע ייִדישע — האַלב אָרטאָדאָקסישע — פאַמיליע אין אַלטאַנאַ — ברוך ווײנרײך (פאַרקירצטער נאָמען ווין) אַן אָפּשטאַמיקער פון טשענסטאָכאָוו, האָט זיך פאַרפּליכטעט צו געבן דעם דאָזיקן „וווּרקער אײניקל" פולע אויסהאַלטונג און וווינונג, אַזוי לאַנג ווי ער וועט שטודירן אין דער האַמבורגער ייִדיש־דײטשישער גימנאַזיע.

האַמבורג און אַלטאַנאַ זענען אין יענער צײט (און אויך הײנט) געווען אײן שטאָט, אָן וועלכע עס איז צעטײלונג דורך אַ טײך אָדער דורך אַ באַרג. בײדע שטעט מיט די זעלבע „האַנזאַ" צײכנס פון אַ דײטשע פּאָרט־שטאָט. דער גרויסער דײטשער טײך „די עלבע" פליסט דורך די פּאָרט־שטעט פון האַמבורג און פאַלט אַרײן אין צפון־ים. האַמבורג איז אין יענער צײט געווען אײנע פון די גרעסטע פּאָרט־שטעט אין אײראָפּע. די באַפעלקערונג פון די בײדע שטעט איז געווען אַ געמיש פון מאַטראָסן, פישער און שיף־בוי־אַרבעטער פלוס סוחרים, באַנקירן און גרויסע שיף־אײגנטימער. די ייִדישע באַפעלקערונג אין בײדע שטעט — האַמבורג און אַלטאַנאַ — אין יאָר 1922 — איז געווען אײנגעטײלט אין 2 גרופּן. די ערשטע גרופּע, די דאָרט געבוירענע ייִדן א. ג. „דויטשן פון מאָזאישן גלויבן" זענען געווען גרויסע אימפּאָרטערן און עקספּאָרטערן, באַנקירן, שיף־אײגנטימער און זײער שטאַרק פאַרטראָטן אין די פרײע פּראָפעסיעס און העכערע שטאָט־באַאַמטע. די צווײטע גרופּע איז באַשטאַנען פון צוגעוואַנדערטע פּוילישע ייִדן — אַממײסטנס פון די פּויליש־דײטשישע גרענעץ־שטעטלעך און זײער באַשעפטיקונג איז געווען אויסשליסלעך אין דער מיטעלער און קלענערער אינדוסטרי און האַנדל.

ברוך ווײנרײך — ווין — מיט זײן פאַמיליע זענען שוין געווען „אַלטע" תושבים פון אַלטאַנע און צוזאַמען מיט זײער ייִדיש־דײטשישן אײדעם קורט טיכאָוער, געפירט אַ נישט גרויסע פאַבריק פון שטעק־לאַטשן, וועלכע האָט געבראַכט אַ שפּעדיקע פּרנסה פאַר בײדע פאַמיליעס. דער „קעסט"־שילער פון סאָסנאָוויץ האָט געגאָסן פון כל טוב, נישט פאַרגעסנדיק דערבײ די „לערע" פון זײן „רבין", דעם עלטערן שילער פון „יבנה" סטאַשעק ווײגאָדזקי פון בענדין (באַקאַנטער קאָמוניסטישער עליטע־שרײבער אין הײנטיקן פּוילן אין די יאָרן 1945־1966, הײנט אין מדינת ישראל), אַז די „צעפוילטע" וועלט פון אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג דאַרף מען פאַרניכטן און בויען אַ „נײע" וועלט פון יושר און גערעכטיקײט. אין דער דאָזיקער וועלט פון אונטערדריקער און פאַרשקלאַפער — האָט דער 15־יאָריקער שילער פון דער ייִדיש־דײטשישער גימנאַזיע אין האַמבורג — אויך געזען דעם האַרציקן און שטילן שטעק־לאַטשן פאַבריקאַנט בערנאַרד ווין מיט זײן אײדעם קורט טיכאָוער און געזוכט מיט אַלע מעגלעכקײטן צו געפינען וועלכע עס איז יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין דער דאָזיקער טומלדיקער פּאָרט־שטאָט, בכדי צוצולײגן אַ האַנט אומצוּוואַרפן די „אַלטע" וועלט פון פאַרשקלאַפונג און אונטערדריקונג.

האַמבורג און אַלטאַנאַ פונקט ווי אַלע גרעסערע שטעט אין דעמאָלטדיקן „ווײמאַר־רײך", האָבן געווימלט מיט פאַרשײדענע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געמאַכט טאָג־טעגלעכע

---

איצטיקע פאַרהאַנדלונגען איז אַ טײלווײזער שלום־אָפּמאַך מיט מצרים אַלס אַן אָנהויב. אַזאַ רעזולטאַט איז אויך אין דעם אינטערעס פון ישראל, ווײל דאָס וועט דער ייִדישער מדינה געבן די מעגלעכקײט אויסצופּרוּוון דעם צוטרוי צו אַן אָפּמאַך מיט אַן אַראַבישע מלוכה, אויף אײן פראָנט, אײדער זי וועט זיך דעציִדירן צו מאַכן ווײטערדיקע קאָנצעסיעס אויף אַלע אַנדערע פראָנטן.

מען מוז אָבער זײן געדולדיק. שלום פאַרהאַנדלונגען פאַרנעמען אַ סך צײט.

דער ענטוזיאַזם, די האָפנונג, אַז נאָך 4 מלחמות און 30 יאָר מלחמה־צושטאַנד—וועט אַ שלום אונטערגעשריבן ווערן אין 30 טעג, איז נישט געווען באַרעכטיקט, פּונקט ווי ס'איז נישט באַרעכטיקט די געדריקטע שטימונג ערב דעם 30טן יובל פון מדינת ישראל. וואָס שײך די זיכערקײטס באַדערפענישן פון ישראל, איז נישטאָ קײן גרונדזאַצלעכער אונטערשיד צווישן דער רעגירונג און דער אָפּאָזיציע.

די שונאים ווײסן, אַז צום 30טן יובל איז ישראל די שטאַרקסטע מאַכט אינעם מיטעלן מזרח. — די ייִדן און די פרײנד פון ישראל פרײען זיך אין דעם טאָג פון יובל, ווײל מיר זענען שטאָלץ מיט די אויסערגעוויינלעכע דערגרײכונגען פון ישראל אויף אַלע געביטן. — דערגרײכונגען, וואָס האָבן נישט קײן פּאַראַלעל אין דער געשיכטע פון קײן שום פאָלק אין דער וועלט.

שלום על ישראל צום הײנטיקן יובל.

דר. מ. פערשטענדיק

אינצידענטן האָבן גורם געווען דעם גאַנצן קאָנפליקט מיט דער קאַרטער אדמיניסטראַציע און דאָס איז פאַלש און אויך שעדלעך.

דער עפּיזאָד פון מאַרק זיגעלס רעזיגנאַציע איז דער טרויעריקסטער באַווייז פון דער ענדערונג אין אַמעריקעס שטעלונג לגבי ישראל — אומאָפּהענגיק פון דעם, ווער ס'שטייט אין דער שפּיץ פון דער ישראל־רעגירונג, בעגין, ווייצמאַן אָדער פּערעס.

ווי באַוווּסט האָט מאַרק זיגעל, דער יידישער געהילף פון פּרעזידענט קאַרטער רעזיגנירט וואָכן פאַר בעגינס קומען קיין וואַשינגטאָן, ווייל ער האָט איינגעזען, אַז די קאַרטער־אַדמיניסטראַציע האָט אָנגענומען אַ פּראָ־אַראַבישע שטעלונג, קעגן די גרונדזעצלעכע זיכערקייטס־באַדערפענישן פון ישראל, — אין די שלום פאַרהאַנדלונגען.

נאָכמער, די קאַרטער אַדמיניסטראַציע האָט אים — דעם ייד — דעם פאַרבינדונגסמאַן צווישן פּרעזידענט און די יידישע אינסטיטוציעס געוואָלט אויסנוצן, אָפּצונאַרן די עפנטלעכע מיינונג (יידישע, ווי נישט יידישע).

אזוי למשל, האָט ער אויף אַ פאַרזאַמלונג פון 800 יידן אין וואַשינגטאָן פאַרטיידיקט, אין נאָמען פון פּרעזידענט קאַרטער דעם פאָרשלאַג צו פאַרקויפן די פ־15 עראָפּלאַנען צו סאוד אַראַביע. פ־15 — האָט ער דערקלערט — איז בלויז אַ דעפענסיווער עראָפּלאַן וואָס קאָן נישט באַדראָען ישראל, און די לופט־באַזע, וואָס די אַמעריקאַנער בויען פאַר סאוד־אַראַביע, דרום פון אילת איז בלויז אַ ציווילער לופט־פּלאַץ. הוית דער עולם האָט אים אויסגעפּיפן און אויסגעלאַכט, האָט ער באַשלאָסן דעם ענין אויסצופאָרשן. אַלס געהילף פון פּרעזידענט האָט ער אָנגעפרעגט דירעקט אין פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום, ווו מ'האָט אים אויפגעקלערט, אַז דער פ־15 עראָפּלאַן איז דער בעסטער קאַמף־ און באָמבאַרדיר־עראָפּלאַן אין דער וועלט. און די באַזע דרום פון אילת, איז אַ מיליטערישע לופט־באַזע.

דער יידישער געהילף פון פּרעז. קאַרטער, האָט פּלוצים איינגעזען, אז די בזשעזשינסקיס און אַנדערע נוצן אים אויס אַלס ייד צו שפּייזן די עפנטלעכע מיינונג מיט נאַקעטע שקרים.

דער טאַקטישער פעלער פון בעגינען באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געקאָנט אויסנוצן דעם מאַרק זיגעל אינצידענט און שטעלן דעם טראָפּ אויף די זיכערקייט באַדערפענישן, מיטן לשון פון גענעראל ווייצמאַן. די גויים פאַרשטייען אַזאַ שפּראַך.

דאָס הייסט נישט, אַז עס וואָלט אים געלונגען גלייך צו ענדערן די שטעלונג פון בזשעזשינסקין און קאַרטערן, אָבער ער וואָלט געוווּנען די אַמעריקאַנער עפנטלעכע מיינונג און לייכטער געמאַכט די אָפענסיווע פון אַמעריקאַנער יידנטום קעגן דער קאַרטער־אַדמיניסטראַציע, וואָס גייט אַזוי ווייט, אַז זי באַנוצט זיך מיט נאַקעטע שקרים, אָפּצונאַרן די יידן.

בעגין האָט אָבער אויסגעווילט אַ לעגאַליסטיש־אידעאָלאָגישע שפּראַך, וואָס די קאַרטער אדמיניסטראַציע האָט שנעל אויסגענוצט, כבדי אים פאָרצושטעלן אַלס אַ פאַנאַטישן אידעאָלאָג, וואָס שטערט צו דערגרייכן שלום אין מיטעלן מזרח.

פון דער צווייטער זייט קאָן מען אָבער אויך אַרגומענטירן, אַז נאָכדעם ווי בעגין, טראָץ דעם שווערן דרוק פון קאַרטערן, איז געווען שטאָל און אייזן, וועט איצט די קאַרטער־אַדמיניסטראַציע מוזן איינזען, אַז כדי צו דערגרייכן שלום, מוז איצט דער צווייטער צד אָנהויבן מיט קאָנצעסיעס, — אגב לויט מאַרק זיגעל, מיינט די קאַרטער אַדמיניסטראַציע מיט די ווערטער „מיינאָר מאָדיפיקעישאָנס” פון די גרענעצן בלויז אַ מעטער אַהין אָדער אַהער און נישט אין קילאָמעטערס. — בכלל כדי צו ברענגען די צדדים צום טיש, זענען נויטיק ערנסטע קאָנצעסיעס פוןביידע זייטן.

סוף־כל־סוף איז דאָס איינציקע צו וואָס אמעריקע שטרעבט, איז איינצושטעלן שלום אינעם מיטעלן מזרח, אַ מין „פּאַקס אמעריקאַנאַ”, וואָס זאָל באַפעסטיקן דעם אַמעריקאַנער איינפלוס אויף דעם גאַנצן געביט. אַמעריקע איז ביז איצט געווען גרייט צו צווינגען ישראל אויף אַלע קאָנצעסיעס, וואָס די אַראַבער פאַרלאַנגען. ישראל דאַרף (אָביעקטיוו) ריזיקירן איר עקזיסטענץ. וואָס אַמעריקע זאָגט צו (סוביעקטיוו) צו שיצן. אמעריקע באַזיצט נישט די דרוקמיטלען, צו צווינגען ישראל זי זאָל ריזיקירן איר עקזיסטענץ לטובת די אמעריקאָנער אינטערעסן. אמעריקע מוז זיך אויך רעכענען, אַז אַ ריס אין די פאַרהעלטענישן מיט ישראל קאָן באַאיינפלוסן געוויסע אַראַבישע היצקעפּ צו פּראָוואָצירן אַ מלחמה קעגן ישראל, אָדער צווינגען ישראל צו אַ פּרעווענטיווער מלחמה, אַידער דער כוחות־באַלאַנס ענדערט זיך לטובת די אַראַבער. ביידע פאַלן זענען צו געפערלעך פאר דער גאַנצער וועלט.

דערפאַר באַטאָנט אַמעריקע אין פולער ערנסטקייט, אַז די עקאָנאָמישע און מיליטערישע הילף פאר ישראל איז אַ קאָנטינואירנדיקע פאַרפליכטונג וואָס ווערט נישט באַאיינפלוסט דורך די איינציקע צייטווייליקע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן.

וואָס עס ווערט ממש פארלוירן אין דער גאַנצער צעטומלעניש איז, די קאַרטער אַדמיניסטראַציע זאָגט זיך נישט אָפּ פון איר טראַדיציאָנעלער פאַרפליכטונג לגבי ישראל. די סיבה פון איבערוקן זיך אויף דעם אַראַבישן צד איז געשען דערפאַר, ווייל אַמעריקע האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין דעם ברוקינגס רעפּאָרט, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך אַ גרופּע פּאָליטישע וויסנשאַפטלער, נאָך אידער קאַרטער איז געוואָרן פּרעזידענט, איינער פון די הויפּט־מחברים פון דעם פּלאַן איז געווען ד״ר בזשעזשינסקי. דער רעפּאָרט האָט פאָראויסגעזען אַן אַלזייטיקן שלום אין מיטעלן מזרח — אזוי צו זאָגן — מיט איין קלאַפּ, אָנשטאָט דעם שריט ביי שריט צוגאַנג פון ד״ר קיסינדזשער.

דער דאָזיקער שלום־פּלאַן איז פּאַקטיש היינט־צו־טאָג אַ טויט פּאַפּיר, ווייל סיריע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם אָפּוואַרף־פראָנט, אָבער די קאַרטער־רעגירונג האָט אים נאָכנישט אינגאַנצן אויפגעגעבן, כאָטש אַלע סימנים באַווייזן, אַז דער איינציקער מעגלעכער רעזולטאַט פון די

ד״ר מ. פערשטענדיק

# די חבלי לידה פון שלום

**(אויפֿן שוועל פֿון 30טן יובל פֿון מדינת ישראל)**

ציטן און שטימונגען בייטן זיך זייער שנעל. דער אויסערגעוויינלעכער ענטוזיאַזם פון נעכטן (נאָוועמבער 1947) איז פֿאַרשוווּנדן. די ייִדישע גאַס איז אין אַ געוויסער מאָס צעטומלט. אָט האָבן מיר די גרויסע האָפֿענונג אויף שלום כמעט אָנגעטאַפּט מיט די פינגער און היינט האָבן מיר מורא, אַז דער שאַנס פֿאַרן שלום גליטשט זיך דורך צווישן די פינגער.

נישט קיין פֿאַסיקע שטימונג לכבוד דעם דרייסיקסטן יובל פון מדינת ישראל.

לאָמיר זיך באַמיען קאָלט צו אַנאַליזירן דעם דראַמאַטישן פֿאַרלויף פון די לעצטע פּאָר חדשים אָדער וואָכן. די ישראל־רעגירונג האָט פֿאָרגעשלאָגן פּרעז. סאַדאַט אַ שלום־פּלאַן, וואָס זעט פֿאָר דאָס צוריקגעבן סיני צו מצרים מיט געוויסע באַוואָרענישן לגבי פּיתחת רפיח און די מיליטערישע לופט־באַזעס, וואָס ישראל האָט אויפֿגעבויט אין סיני ביי די ישראל־גרענעצן.

גלייכצייטיק האָט ישראל פֿאָרגעשלאָגן אַן אויטאָנאָמען רעזשים פֿאַר די פּאַלעסטינער אין דער גדה און עזה פּאַס.

אין דעצעמבער האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג געלויבט דעם שלום־פּלאַן, אָבער היות פּרעז. סאַדאַט האָט דעם פּלאַן נישט אַקצעפּטירט, האָט אויך די אַמעריקאַנער רעגירונג געענדערט איר שטעלונג און דעם פּלאַן אָפּגעוואָרפֿן, אַלס נישט גענוגנד.

סאַדאַט וויל דערווייל נישט פֿאָרשלאָגן זיין אייגענעם שלום־פּלאַן. ער פֿאַרלאַנגט, אַז ישראל זאָל אָננעמען אַ דעקלאַראַציע פון פּרינציפּן; ישראל זאָל זיך פֿאַרפּליכטן אין פּרינציפּ צוריקצוגעבן אַלע שטחים ביז צו איין מילימעטער און מסכים צו זיין צו אַ פּאַלעסטינער מדינה איינשליסלעך ירושלים און אַ קאָרידאָר דורך דער ישראל־טעריטאָריע.

אין דער הינזיכט איז פּאַקטיש נישט פֿאַראַן קיין אונטערשיד צווישן דער ישראל רעגירונג און דער אָפּאָזיציע. אדרבא: פּערעס באַשולדיקט די רעגירונג, אַז זי האָט צו שנעל אָנערקענט די מצרישע סוּווערעניטעט איבער גאַנץ סיני אָן צו נעמען אין באַטראַכט די זיכערקייט פון דעם פּיתחת רפיא שטח, און אַז די ישראל־רעגירונג האָט געמאַכט אַ פֿעלער פֿאָרשטעלנדיק סאַדאַטן, אַלס דעם מלאך השלום. אבא איבן האָט באַטאָנט, אז סאַדאַט מיינט, אַז מיט זיין קומען קיין ירושלים האָט ער אַנולירט אונדזערע זיכערקייט באַדערפֿענישן.

אָבער נישט דער עצם צושטאַנד אין די מצריש־ישראלדיקע באַציאונגען אינעם איצטיקן מאָמענט איז די סיבה פון דער געדריקטער שטימונג, נאָר די אַמעריקאַנער־ישראל באַציאונגען אין דעם פּראָצעס פון די שלום־פֿאַרהאַנדלונגען.

דווקא אין די ישראל־אַמעריקאַנער באַציאונגען, פון וועלכע אַ גערעכטער שלום איז אָפּהענגיק, האָבן מינדערווערטיקע מאָמענטן פֿאַרטונקלט די הויפּט־שטריכן פון דעם סכסוך.

למשל, דער פּרוּוו פון אויפשטעלן א מושב אין שילה אונטער דעם מאַנטל פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, אָדער דאָס אַריינשיקן בולדאָזערס פֿאַר צוגרייטן די ערד, מיטן צוועק אויסצוברייטערן די מושבים אין דער פּיתחת רפיח געגנט, ווען אין דער זעלבער צייט זענען אָנגעגאַנגען די שלום פֿאַרהאַנדלונגען מיט מצרים.

די וועלט־פּרעסע האָט צעבלאָזן די דאָזיקע אינצידענטן, אַלס אַ באַווייז, אַז די ישראל־רעגירונג איז נישט ערנסט אין די שלום פֿאַרהאַנדלונגען (אגב האָט די וועלט־פּרעסע פֿאַרשוויגן, אז מצרים פֿאַרלעצט טאָג איין, טאָג אויס דעם וואָפֿנשטילשטאַנד־אָפּמאַך אין סיני, בויען באַפֿעסטיקונגען א.אַ.וו.).

דאַן איז געקומען דער נייער אויסטייטש פון פּרעמיער־מיניסטער בעגין, אַז די רעזאָלוציע 242 פון די פֿאַראייניקטע פעלקער, איז נישט חל אויף די שטחים פון יהודה און שומרון, וואָס זענען פֿריער געווען אָקופּירט פון ירדן, אָבער די ירדנישע סוּווערעניטעט אויף די געביטן איז קיינמאָל נישט אָנערקענט געוואָרן דורך די פֿאַראייניקטע פעלקער. — אַזאַ אויסטייטש מיינט פּאַקטיש, אַז וואָס שייך די דאָזיקע שטחים איז נישטאָ וואָס צו פֿאַרהאַנדלען.

ס׳גלויבט זיך ממש נישט, אַז דאָס איז די אמתע שטעלונג פון דער רעגירונג, כאָטש מען קען אָננעמען, אַז די רעגירונג האָט מיטגעשטימט מיטן פּרעמיער־מיניסטער צו מאַכן אַזאַ מאַקסימאַליסטישע דערקלערונג, אָבער נאָר אַלס אַן אויסגאַנגס־פּונקט פֿאַר ווייטערדיקע פֿאַרהאַנדלונגען אין דער שקלא וטריא, וואָס דאַרף ברענגען דעם קאָמפּראָמיס מיטן צוועק צו דערגרייכן א שלום.

דערווייל האָבן די דאָזיקע אינצידענטן, די מושבים און דער נייער אויסטייטש פון דער רעזאָלוציע 242, צעטומלט די ייִדישע גאַס. נאָכמער — די דאָזיקע טאַקטישע ראַנד־אינצידענטן האָבן אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די הויפּטשטריכן אין דעם אַמעריקאַנער־ישראל קאָנפליקט און געהאָלפֿן דער קאַרטער אַדמיניסטראַציע צו פֿאַרטושן דעם עצם קאָנפֿליקט אין אַ שוווּנג צו געווינען די אַמעריקאַנער עפֿנטלעכע מיינונג, ווייל איצט ווערט בעגין געמאָלן אַלס דער עקשן, וואָס צוליב לעגאַליסטישע און אידעאָלאָגישע טעמים, וויל ער פון גאָרנישט אָפּטרעטן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די אָפּאָזיציע אין כנסת איז באַרעכטיקט אויסצונוצן דעם צווייפֿלהאַפֿטן צוגאַנג פון פּרעמיער־מיניסטער אין דער לעצטער קאָנפֿראָנטאַציע מיט דער קאַרטער־אַדמיניסטראַציע. אָבער אין דעם גאַנצן טאַראַראַם שאַפֿט זיך דער איינדרוק, אַז די דאָזיקע ראַנד־

# ברוך הבא וולאַדקע!

אין דער צענטראַלער געטאָ־אַקאַדעמיע, צום אָנדענק פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד באַטייליקט זיך היי יאָר אַ וויכטיקע טוערין פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג אין וואַרשע, בשעת דער נאַצי־אָקופּאַציע **וולאַדקע מיד.**

נאָכן קריג האָט זי פאַרעפנטלעכט אַ בוך זכרונות „אויף ביידע זייטן געטאָ מויער״.

צו דער געלעגנהייט פון קומען קיין מעלבורן, באַגריסן מיר איר האַרציק אין נאָמען פון דער „קדימה״.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע אויסצוגן פון פאָרוואָרט צו איר בוך, געשריבן פון פאַרשטאָרבענעם בילדונגס־דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג — נחום כאַנין.

רעדאַקציע



מיט אַ געפיל פון הייליקן ציטער ברענגען מיר דאָס בוך דערינערונגען געשריבן פון דער באַשיידענער געטאָ־העלדין „וולאַדקע״. מיט אומגעפער צוויי יאָר צוריק איז וולאַדקע געקומען קיין אמעריקע. זי איז געווען איינע פון די ערשטע, וועלכע האָט די „פאָרווערטס״־לייענער דערציילט נישט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי יידן זענען אויסגעראָטן געוואָרן אין געטאָ, נאָר אויך ווי אַזוי יידן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד; ווי אַזוי זיי האָבן געקעמפט קעגן דעם שונא וועלכער האָט אומגעבראַכט 6 מיליאָן יידן.

וולאַדקע איז נישט נאָר געווען אַן עדות פון דער שוידערלעכער טראַגעדיע און פון העראָאישן קאַמף, נאָר זי אַליין האָט סיי אין געטאָ, סיי אויף דער אַרישער זייט דעם קאַמף מיטן שונא געפירט.

וולאַדקע, אָדער ווי איר ריכטיקער נאָמען איז פייגעלע פעלטעל־מיענדזישעצקי איז אַלט געווען 17 יאָר, ווען היטלער האָט באַהערשט פוילן און אריין קיין וואַרשע. זי איז אַ קינד פון נישט רייכע עלטערן. איר ערשטע בילדונג האָט זי באַקומען אין די יידיש־וועלטלעכע שולן.

אַדאַנק איר „גוטן״ (אַרישן) אויסזען, פליסיקן פויליש, מוטיקער האַלטונג אין פאַרשידנאַרטיקסטע אחריותפולע שליחותן, וועלכע זי האָט אויסגעפירט פאַרן יידישן אונטערערד, האָט וולאַדקע זיך געפונען אין כסדרדיקער באַוועגונג. זי האָט מיט די געציילטע יידישע טוער אויף דער אַרישער זייט געשמוגלט דורכן געטאָ־מויער געווער פאַר דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. זי האָט געהאָלפן יידן אַרויסקריגן זיך פון געטאָ און זיי אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן. זי האָט אַלס קוריערין פון יידישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, געטראָגן הילף און אַ מוטיק וואָרט אין די פאַרוואָרפנסטע באַהעלטענישן און בונקערס. זי האָט געזוכט און געפונען וועגן ווי צו קאָמוניקירן און צו העלפן די רעשטלעך יידן אין די אַרבעטס־לאַגערן און אין די וועלדער.

אין אָט דער דאָזיקער טעטיקייט אירער, אַליין זייענדיק פאַרשטעלט אַלס קריסטין, האָט וולאַדקע געקראָגן אַ ברייטע מעגלעכקייט צו אָבסערווירן די האַלטונג פון דער פוילישער באַפעלקערונג, צווישן וועלכער די יידן האָבן דורות לאַנג געלעבט און אויף וועמענס אויגן זיי זענען איצט אַזוי גרויזאַם און שוצלאָז געשאָכטן געוואָרן. זי האָט געאָטעמט די לופט פון ברענענדיקן געטאָ; זי האָט צוגעזען אומצייליקע בילדער פון איבערמענטשלעכסטע שרעק און פיין, זי איז געווען אַן עדות פון אומצייליקע פאַלן פון ליכטיקן און אייביק לויכטענדיקן העראָאיזם. מיט איין וואָרט, — פון צווישן די לעבן געבליבענע איז זי איינע פון די זייער ווייניקע וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצוזאַפּן אין זיך אַזוי פיל פאַרשידנאַרטיקע בילדער פון אונדזער ריזיקער טראַגעדיע.

נישט איין מאָל איז וולאַדקע געווען אין די נעגל פון שונא און אַלע מאָל האָט איר צוגעשפּילט דאָס גליק. ניין, נישט נאָר גליק, נאָר אויך מוטיקייט, און דערפאַר האָט זי זיך פון שונא'ס הענט אַרויסגעריסן.

דאָס בוך נעמט אַרום אַ פעריאָד פון אומגעפער צוויי מיט אַ האַלב יאָר, פונעם 22טן יולי 1942 ביז דער באַפרייאונג אין אָנהייב 1945. דאָס זענען די צוויי און אַ האַלב יאָר אין דער יידישער געשיכטע, וועלכע זענען אויסגעפילט מיט דער גרעסטער טראַגישקייט און דער גרעסטער העלדישקייט. דאָס איז דער פעריאָד פון ערשטן טאָג פון דער מאַסן־דעפּאָרטאַציע פון וואַרשע, פון די צוגרייטונגען צום געטאָ־אויפשטאַנד, דעם אויפשטאַנד גופא און פון די איבערמענטשלעכע באַמיאונגען פון יידישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט אויפצוהאַלטן ביים לעבן כאָטש די רעשטלעך, — ביז דעם טאָג, ווען די נאַצי־מערדער זענען ענדלעך פאַרטריבן געוואָרן פון פוילן, און ווען עס האָט זיך פאַר יעדן איינציקן, ווי אויך פאַר דער גאַנצער וועלט אַנטפּלעקט דער ריזיקער יידישער בית־עולם, וועלכן זיי האָבן איבערגעלאָזט.

וואָלדקע איז אַ קינד פון יידישן אַרבעטער און פאָלקסלעבן. זי איז נישט די איינציקע. אין אַלע ווינקעלעך פון יידישן אומקום, אין אַלע לענדער וועלכע היטלער האָט באַהערשט זענען געווען העלדישע וולאַדקעס אין די טויזנטער. אַ ריזיקע מערהייט פון זיי איז אומגעקומען, געציילטע זענען ניצול געוואָרן.

ווען איר זיצט און רעדט מיט וולאַדקען, דערציילט זי אייך וועגן די פאַרשטיטענע העלדן מיט אַ געפיל פון הייליקייט און ערפורכט. ווייניק רעדט וולאַדקע וועגן זיך. אָבער אַזוי פיל רעדט זי וועגן אַנדערע...

נ. כאַנין

אונדזער טרויער דאַרף אויך זיין—אונדזער פּראָטעסט.
לאָמיר שטיין אויף דער וואַך!
לאָמיר נישט לאָזן דער וועלט עס פאַרגעסן!

# 30 יאָר מדינת ישראל

דער באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער צו שאַפן אַ ידישע מדינה איז געווען אַ ניכטערער פּאָליטיש־אויסגערעכנטער אַקט מצד די גרויסמאַכטן, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, באַשפּרענקלט מיט קערענדלעך פון הומאַניסטישער רעטאָריק.

רוסלאַנד, אַמעריקע און ענגלאַנד האָבן זיך געאייניקט אויף דער פאָרמולירונג, כאָטש יעדער צד האָט געהאָט זיינע אייגענע פּאָליטישע קאַלקולאַציעס, און אַמביציעס אין מיטעלן מזרח.

פאַרווירקלעכן אָט דעם באַשלוס — האָט מען איבערגעלאָזן אויסשליסלעך אין די הענט פון ארץ־ישראלדיקן ישוב און זיינע פירער.

צו דער איבערראַשונג פון טייל פאַראינטערעסירטע (ספּעציעל ענגלאַנד) האָט דער ישוב מיט אַ סך אָפּפערוויליקייט און קרבנות, דעם באַשלוס דורכגעפירט אין לעבן.

פון געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט, איז דאָס אַנטשטיין פון אַ ידישער מדינה געווען דער וויכטיקסטער עלעמענט פון פיזישער און מאָראַלישער באַדייטונג פאַר דער באַנייאונג פון פאָלק נאָכן חורבן.

נאָכן פאַרענדיקן די שלאַכטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען די רעשטלעך פון ידישן פאָלק פון מזרח־אייראָפּע געבליבן שטיין פאַר אַ טראַגישער לאַגע: פון איין זייט — דער פאַרלוסט פון 6 מיליאָן ידן, פון דער צווייטער זייט — די היימלאָזיקייט פון די, מיט ניסים לעבנגעבליבענע.

די לעבנגעבליבענע האָבן מער נישט געהאַט קיין היימען, וווּהין זיך צוריקקערן.

די שינאה צו די לעבנגעבליבענע מצד זייערע נעכטיקע שכנים האָט מאָראַליש (און טיילמאָל פיזיש) דערשלאָגן, און גאָר א סך האָבן אין זייער פאַרצווייפלונג זיך געפרעגט:

— צוליב וואָס בין איך אייגנטלעך געבליבן לעבן?

אין יענער תקופה, ווען די טויערן פון אַמעריקע און אַנדערע לענדער, וואָס האָבן פון קריג נישט געליטן זענען געווען פאַרמאַכט פאַר די ידן; ווען דער נעכטיקער קאַצעטניק האָט זיך אָנגעטראָפן אויף שינאה, אָדער אין בעסטן פאַל — גלייכגילטיקייט — אָט אין יענער תקופה איז דאָס אַנטשטיין פון דער ידישער מדינה געווען אַ ליכטיקער שטראַל אויפן פינצטערן ידישן הימל.

אין משך פון 30 יאָר האָט די מדינה באַוויזן נישט נאָר ארויסגיין זיגרייך פון פיר מלחמות, וואָס מ'האָט אויף איר ארויפגעצוווּנגען — נאָר זי האָט אויך אין גייסטיקן זין אריינגעבלאָזן א רוח חיים אין דעם פאָלקס־גוף.

יעדער ייד, ווּ ער זאָל נישט זיין, און וואָס פאַראַ פּאָליטישע איינשטעלונג ער זאָל נישט האָבן — האָט די מדינה מיט איר עקזיסטענץ באַוויזן ביי אים אויפוועקן דאָס געפיל פון קאָלעקטיווער אָנגעהעריקייט. דעריבער באַווירקן די געשעענישן אין און אַרום ישראל, דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פון ידישן יחיד.

מען קען אויך נישט פאַרבייגיין דעם פאַקט, אַז אַדאַנק מדינת ישראל, האָט זיך ס'ערשטע מאָל — אין 60 יאָר — אויפגעמאַכט אַ שפּאַלט אין דעם הערמעטיש־אָפּגעשלאָסענעם „אייזערנעם פאָרהאַנג”, דורכן וועלכן די רוסישע ידן כאַפּן זיך ארויס אין דער פרייער וועלט.

זאָל זיין — אַז פאַר אייניקע איז ישראל בלויז אַן אויסרייד, כדי ארויסצופאָרן — איז גוט, וואָס אַזאַ תירוץ עקזיסטירט.

אָנזעעוודיק בלייבט פאָרט די דערגרייכונג, אַז צענדליקער טויזנטער סאָוויעטישע ידן האָבן אין ישראל געפונען אַ היים, ווו זייער ידישקייט האָט באַקומען איינהאַלט; באָדן אונטער די פיס. עס איז דער ווידערגעבורט פון זייער נאַציאָנאַלן געפיל און זייער ידישער ווירדע.

באַטראַכטנדיק די געשיכטע פון מדינת ישראל און איר ערב, די שווערע יאָרן פון חלוצישן בוי און אַנטוויקלונג פון לאַנד, בלייבן מיר שטיין פאַרגאַפט פאַרן פענאָמען, וואָס הייסט: מזרח־אייראָפּעישער ידנטום, און די גייסטיקע כוחות וואָס האָבן אין אים געריזלט. די חלוצים און די שפּעטערדיקע פירער זענען אין זייער ווייט־גרעסטער טייל אָפּשטאַמיקע פון מזרח־אייראָפּע. דאָרט האָבן זיי באַקומען זייער דערציאונג און דאָרט האָט זיך אין זיי אָנגעצונדן דער פלאַם פון אידעאַליזם פאַר בויען אַ ידישע נאַציאָנאַלע היים אויף פּרינציפּן פון יושר און הומאַניזם.

און דווקא אין ארץ ישראל, און נישט ערגעץ אַנדערשווּ (הגם פּרוון זענען געמאַכט געוואָרן) איז געלונגען צו אַנטוויקלען א נייע געזעלשאַפט, וואָס איז נאָך ביז היינט — דער פונדאַמענט און דאָס שיינדל פון דער מדינה. די קיבוצישע באַוועגונג איז געווען און וועט פאַרבלייבן דער יסוד פון דער מדינה, און אַ ביישפּיל פון העראָישן אידעאַליזם.

אויך היינט — ווי מיט 30 יאָר צוריק — ווירקן נאָך אַלץ קאַלט־בלוטיקע פּאָליטישע אינטערעסן ביי די גרויסמאַכטן (און נישט הומאַניטאַריזם, יושר אָדער מאָראַל) אין זייער באַהאַנדלען די צדדים אין מיטעלן מזרח.

צייטנווייז דורכט זיך, אַז די זיכערקייט פון ישראל איז אָפּהענגיק פון אינערלעכער שטאַנדהאַפטיקייט פון ישוב, אין זיין מיליטערישן כוח, און פון זיין איבערגעגעבנסטן פאַרבינדעטן — דאָס ידישע פאָלק אין דער וועלט.

די האָפענונג פון די ידן אין דער וועלט (און אין ישראל) זענען פאַרבונדן מיט די באַמיאונגען פון מדינת־ישראל צו דערגרייכן שלום מיט אירע שכנים אויף באַדינגונגען, וועלכע וועלן פאַרזיכערן דער מדינה איר עקזיסטענץ.

צו דער געלעגנהייט פון 30 יאָר מדינת ישראל, שיקן מיר איבער דעם ישוב און איר רעגירונג אונדזערע האַרציקסטע ברכות און גוטע ווּנטשן.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

מאַי — יוני 1978 | נומער 2 (13) | מעלבורן, אויסטראַליע

## אויף דער וואַך!

35 יאָר זענען פאַרביי, זינט דאָס וואַרשעווער געטאָ האָט אויפגעהויבן די פאָן פון רעוואָלט קעגן נאַציזם. די דאַטע איז געוואָרן דער טראַגישער סימבאָל פון אַ פאָלק, וועלכעס טרויערט נאָך אירע קינדער, וועלכע זענען אומגעקומען אין געטאָס, וועלדער, גאַז־קאַמערן.

בלויז 35 יאָר זענען פאַרביי, און שוין שטייען מיר פאָרן טרויעריקן פאַקט, ווען מען מוז מיט גרויסע אותיות אויפשרייבן: נישט פאַרגעסן!

מען קאָן דערביי פרעגן: קענען מיר פאַרגעסן?

עס איז דאָ אַן אונטערשיד אין באַגריף פון געדענקען — און אַקטיוו געדענקען. געדענקען קאָן מען שטיל, אין די פיר ווענט פון צימער, דורך אָנצינדן אַ יזכור־ליכט; אויפהענגען אַ בילד פון די נאָענטסטע, וועלכע זענען פאַרשניטן געוואָרן.

נאָך דעם גרויליקן פאַרלוסט, ווען אַ דריטל פון פאָלק איז פאַרניכטעט געוואָרן — דאַרף דאָס פאַרבליבענע פאָלק אַקטיוו טרויערן: דורך מאַסן־פאַרזאַמלונגען; דורך לאָזן וויסן דער וועלט וועגן די גרוילן, צו וועלכע זי האָט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט און גאָרנישט געטאָן אָפּצושטעלן די מורא׳דיקע שחיטה איבער אַ פאָלק.

מען מוז שטיין אויף דער וואַך און נישט לאָזן דער וועלט פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט אונדזערע. מען מוז וואָרענען פאַר אַ מעגלעכקייט פון איבערחזרונג.

די וועלט־פּרעסע ברענגט כמעט יעדן טאָג ידיעות, וואָס רירן אונדז ווייטאָגלעך אָן.

— ביכער וואָס לייקענען בכלל אין דער שולד פון די נאַציס אין יידן־מאָרד. איינער — געשריבן פון אַן אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר אַרטור בוץ: „דער ריזיקער בלאָף".

— ביכער וואָס גלאָריפיצירן היטלערן. „בלויז אַ געווינלעכער מאַן" פון ענגלישן שרייבער דייוויד אירווינג.

— איבער צוויי יאָר ווי עס שלעפּט זיך אין דיסלדאָרף די אויספאָרשונג צום פּראָצעס פון 14 געוועזענע מיטגלידער פון עס.עס., וועלכע ווערן באַשולדיקט, אַז זיי זענען דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אומברענגען 250 טויזנט יידן, און 100 טויזנט מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן — אין מיידאַנעק.

— מערב־דייטשלאַנד באַזאָרגט סיריע מיט פאַרניכטנדיק געווער, און דער קאַנצלער העלמוד שמידט פאָלגט נאָך אַ דיפּלאָמאַטיע פון קאַלקולירטן דרוק אויף ישראל, זי זאָל אָננעמען אַקצעפּטירנדיקע פּאָזיציעס.

— די מערדערישע באַנדעס פון דער פּ.ל.אָ., באַנוצן זיך מיט סאָוויעטישע קאַטיושעס און קאַלאַשניקאָוו־ביקסן — מאָרדן אומשולדיקע ישראל־איינוווינער. דער לעצטער אויפטו — אַ בלוט־באָד אויפן וועג צווישן חיפה — תל־אביב, וואָס האָט געקאָסט 37 אומשולדיקע לעבנס.

דאָס זענען בלויז עטלעכע פאַקטן, אַרויסגעכאַפּטע פון די צענדליקער, וואָס באַווייזן, אַז די מיקראָבן פון נאַציזם זענען נאָך נישט טויט; אַז עס זענען דאָ מלוכות, וואָס האָדעווען בכיוון אָט די מיקראָבן צוליב זייערע טונקעלע, פּאָליטישע צילן; אַז זיי געפינען אַ גינסטיקן באָדן דווקא אין לענדער, וועלכע האָבן אַליין געפירט אַ שווערע מלחמה מיט די נאַציס, ווי ענגלאַנד, אַמעריקע און סאָוויעט־רוסלאַנד.

וואַרשיינלעך איז שינאה אַ סך לייכטער צו קולטיווירן — ווי טאָלעראַנץ.

נישט פאַרגעסן מיינט:

נישט פאַרגעסן — אַז קיינער וועט פאַר אונדז יידן נישט טאָן די אויפקלערונגס־ און וואָרנונגס־אַרבעט.

שטיין אויף דער וואַך — דאָס דאַרף פּאָקטיש זיין די הויפּט־אויפגאַבע פון די קאַצעטלער און פּאַרטיזאַנער־פאַרבאַנדן.

געוויס — מיר מוזן איבערגעבן אונדזער יוגנט דעם פאַרנעם, דעם אויסמעסט פון חורבן — עס זאָל פאַר זיי נישט זיין בלויז אַ טראַגישער עפּיזאָד פון דער יידישער געשיכטע, נאָר אַ ווייטאָגלעכער קריעה־ריס — ווי דאָס איז ביי אונדז — עדות און קרבנות פון חורבן.

די וועלט צאָלט אַ פּרייז פאַר איר גלייכגילטיקייט צום נאַציזם: פאַרשלעפּן מענטשן; פאַרכאַפּן עראָפּלאַנען; געהיימע טעראָר־אָרגאַניזאַציעס וואָס ציען זיך פון יאַפּאַן, איבער דייטשלאַנד און איטאַליע — אומשולדיק מענטשלעך בלוט ווערט פאַרגאָסן טאָג־טעגלעך.

עס ווערט פיינלעך קלאָר:

מיטן מאָמענט, ווען די ציוויליזירטע וועלט האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז מען קאָן אויסמאָרדן 6 מיליאָן יידן — בלויז דערפאַר, ווייל זיי זענען יידן — אין דעם מאָמענט האָט זי אַליין צעבראָכן די לוחות פון איר געזעצגעבונג.

# אינהאלט:


**מ. א.** — אויף דער וואַך;

30 יאָר מדינת ישראל . . . . . . . . . . . 1

ברוך הבא וולאַדקע! . . . . . . . . . . . 3

**ד״ר מ. פערשטענדיק** — די חבלה לידה פון שלום
(אויפן שוועל פון 30טן יובל פון מדינת ישראל) . . . 4

**י. אָרבאַך** — צוויי באַגעגענישן
(פון דער גרויליקער פאַרגאַנגענהייט) . . . . . 6

**י. מ. לעווין** — האַנס, געדענק עס צו מאָלן... (דערציילונג) . . . . 10

**ג. שאַיאַק** — אין היסטאָרישן טאָג (דערינערונגען צום 30טן יאָרטאָג
פון פראָקלאַמירן די יידישע מדינה) . . . . . 12

**אסיה באַרי** — דאָס יידישע פאָלק (ליד) . . . . . . . . . 14

**יצחק קאַהאַן** — ערב חורבן — אַן אומברחמנותדיקע וועלט! . . . 15

**לאה זילבער** (מאָנטרעאָל) — דער מאַרש צו באַפרייאונג . . . . . . . . 17

**י. מ. לעווין** — ספר ניעסוויזש . . . . . . . . . . . 19

**ד״ר עזריאל נאַקס** — חיים גראַדע — דער בוימייסטער . . . . . . . 21

**שרה געצאָף** (ניו־יאָרק) — די אלמנה פון די נעכטיקע טעג . . . . . . . 23

**רחל בעקער** — יוסף פאַפירניקאָוו — „מיין אַנטאָלאָגיע״ . . . . 26

**עמעל** — בילדער־אויסשטעלונג „אימאַזשן״ פון לאַי ליכטמאַן . 27

לייענער שרייבן . . . . . . . . . . . . 28

כראָניק . . . . . . . . . . . . . 29

כ״ז ניסן יום השואה והגבורה —
רוף צו דער יידישער באַפעלקערונג אין מעלבורן . . 30


**פרייז 1 דאָלאַר**

# מעלבורנער בלעטער

1943 — געטאָ־נומער — 1978


## כבוד די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ

### אויף די חורבות

די חורבות האָבן אין מיין פּנים זיך פאַראַקערט,
דאָך איז געבליבן נאָך אין מיין געביין דער פלאַקער, —
און ווי דאָס וואַסער זידט אויף אַ צעגליטן אייזן,
זידט אויף דער ווייטאָג אין מיין לייב... און איך נעם שפּרייזן
אַריבער ברוכווארג, ווי דער וועכטער אויפן טורעם
אין שטאָט אין דער צעשטערטער נאָכן שונאס שטורעם.
אָט זע איך אַ צוריקגעקומענעם פון וואַנדער,
ער שאַרט דעם אַש פון געטאָ מיט די הענט פאַנאַנדער,
און זוכט אַ גרינעם שפּראָץ פון לעבן אין רואינען,
ווי עמעץ וויל אין טעמפּל־חורבות גאָלד געפינען, —
נאָר וויסט איז אין דער געטאָ ווי אויף אַ בית־עולם,
און מיט געלעכטער יאָגט דער ווינט דעם שטויב אין מויל אים.
און ס׳וויינט זיין האַרץ: אָ, ווער האָט מיך צוריקגעטריבן,
איז פון מיין היים און פאָלק — די שטומקייט בלויז געבליבן?
און זיינען אַלע טויט — וווּ זיינען כאָטש די גריבער?

אַ מוילוואָרף לאָזט דאָך אויך אין פעלד אַ בערגל איבער!
איך הער זיין שטום געשריי: ווער קען מיר ערבות געבן,
אַז דער געבליבענער — זיין בראָך וועט איבערלעבן !
ביז ס׳רינגלט מיט געזאַנג אַרום אַ נייער דור אים,
ביז אויסגעגליכן ווערן אין זיין ברוסט די קברים.

חיים גראַדע




אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה״ אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן — נומער 2 [13] — מאַי–יוני 1978